STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00845

FUN NYU-YORK BIZ REHOVOT UN TSURIK

Yehoash

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. Murry Morgenstern
in memory of
Benjamin & Becky Morgenstern

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון ניו-יאָרק ביז רחובות און צוריק

פון יהואש

צווייטער טהייל

ארויסגעגעבען פון
היברו פאָבלישינג קאָמפּאני
1917

Copyright 1917 by S. Bloomgarden.
(All rights reserved)

אינהאלט

XXV	משנת מקום	5
XXVI	רחובות	14
XXVII	גלגולים	22
XXVIII	לאַדסליים	33
XXIX	ד'הור על העיל האמר	44
XXX	חיות	50
XXXI	עוברים ושבים	64
XXXII	דאָס לאַנד פון די שאַלאָמס	71
XXXIII	אָרימע קרובים	79
XXXIV	אַ צווייטער בעזוך	87
XXXV	זון-פעדים	96
XXXVI	די חגיגה	107
XXXVII	אבו-שושא	117
XXXVIII	אומגעדולד	127
XXXIX	צווישען בוימער	133
XL	דיענסטמיידלאַך	140
XLI	על-קודם עש-שעריף	147
XLII	צוריק	159
XLIII	יודענשטאַאַט	166
XLIV	התאחדות המושבות	174
XLV	אין אַ ביאַרע	181
XLVI	פון דאַנען און זון דאָרטען	187
XLVII	טרויבענצייט	196

מיין פריינד און חבר

מיין ווייב — פלארא׳ן.

מתחלת בריותו של עולם לא נתעסק הקב״ה אלא במטע תחלה, הה״ד ויטע ה׳ אלהים גן בעדן, אף אתם כשתכנסו לארץ לא תתעסקו אלא במטע תחלה, הה״ד כי תבאו אל הארץ ו נ ט ע ת ם.

(ויקרא רבה פרשה כ״ה)

(אין אנהויב פון דער וועלט-בעשאפונג האט זיך גאט צוערשט פערנומען מיט פלאנצונג, ווי עס שטעהט געשריבען „און גאט האט געפלאנצט א גארטען אין עדן״, אזוי איהר אויך אז איהר וועט קומען אין לאנד זאלט איהר זיך צוערשט אפגעבען מיט פלאנצונג, ווי עס שטעהט געשריבען „אז איהר וועט קומען אין לאנד זאלט איהר פ ל א נ צ ע ן״).

XXV.
משנה מקום

אונזער פריינד גראזאווסקי האט שטארק געוואלט מיר זאלען פערבלייבען וואוינען אין תל אביב. ער איז גע־ ווען זיכער, אז אויב מיר וועלען זיך שוין אפילו בעזעצען אין א קאלאניע, וועלען מיר אויך דארט לאנג ניט אויס־ האלטען. אונז וועט פעהלען די „שטאדט" און מיר וועלען זיך אומקעהרען צו דעם ר א ש י נ ע ן תל־אביב. אבער די ערגסטע נביאות האט ניט מעהר געקענט אפ־ שרעקען אונזער בעשלוס צו פערלאזען דאס שטערטעל. מיר האבען געבענקט נאך א שטילען, רוהיגען ווינקעל.

די טהירען און די פענסטער פון אונזער פאנסיאן זיי־ נען געוועזען כמעט שטענדיג אפען. פריה בעגינען פלעגט זיי דער בארוועסער שלמה אויפמאכען, און ערשט שפעט ביי נאכט פלעגט ער זיי צושליסען. די גאס מיט'ן הויז זיינען געוועזען כמעט איינס. און די מענשען, האט זיך מיר אנגעהויבען אויסצודאכטען, זיינען אויך אזוי: טהיר און טויער אפען, אזוי ווי א רשות הרבים, קיין אינטימע ווינקלען, קיין טיעף געמיט־לעבען, קיין שטימונגען. גע־

רעדט האָט מען, על־פּי רוב, וועגען כלל־זאַכען, וועגען גימנאַזיע, בית ספר לבנות, אַנגלאָ־פּאַלעסטינא באַנק, אגודת נטעים, „ישוב" און ווידער „ישוב".

די גאַנצע בעפעלקערונג האָט געלעבט מעהר אויף דער גאַס און אויף די וועראַנדאַס, ווי אין די הייזער. אין מיין צימער האָב איך געקענט הערען דעם טומעל און די הילכיגע געשפּרעכען פון דער גאַס. און קיין אָרט וואו צו קומען צו זיך איז ניט געווען.

די גאַסען פון דעם שטעדטעל זיינען קורצע און ווע־ניג אין צאָהל. איז מען אַרויס אויף אַ שפּאַציער, האָט מען זיך נאָכאַנאַנד אַנגעשטויסען אויף דיזעלביגע מענשען.

איך האָב איין מאָל אומיסנע איבערגעצעהלט. אין איינע דרייסיג מינוטען האָב איך זיך בעגעגענט און גע־„שאַלאָם'ט" מיט אַ בעקאַנטען לעהרער צוועלף מאָל. ביי יעדער ווינקעל גאַס איז ער מיר אַנטקעגענגעקומען. דאָס לעצטע מאָל וואָס מיר האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען, האָ־בען מיר זיך ביידע פערשעמט...

גראָזען און בלומען זיינען געווען ווייניג. די יונגע בוימלעך וואָס זיינען געשטאַנען פּאַזע גאַס אַרומגעצאַמט מיט ברעטלעך, זיינען געווען מעהר אַ ר י י נ ג ע ־ ש ט ע ק ט ווי אַ ר י י נ ג ע װ אַ ק ס ע ן אין דער ערד... אַלצדינג איז געווען ניי, געבויט אויף ז אַ מ ד, קיין סימן פון איינגעוואָרצעלטקייט איז אין ערגעץ ניט געווען צו זעהן...

געווען צייטען ווען תל־אביב האָט זיך מיר אויסגע־

דאכט ווי א גרויסער שעהנער וואקזאל, און די ליכטיגקייט, די נאקעטע, שרייאינע ליכטינקייט האט מיר געשטערט און מיך גערייצט...

דערווייל זיינען אין די ארומיגע באיארעס די דונקעל־גרינע צווייגען בעשפרינקעלט געווארען מיט ווייס. אין שכנות מיט די לעצטע גילדערנע מאראנצען, האבען זיך צעשפרייט די נייע בליהעכצען און דער ריח פון די בליהעכצען איז געווארען וואס א טאג אלץ זיסער און אלץ שטארקער. פון די באיארעס האט א ווארעם ווינדטעל פער־טראגען דעם שמעקעדיגען ריח אין תל־אביב און פון תל־אביב ארויס צום ים־הגדול...

שפעטער — זאגט מען — ווען אלע קווייטען צו־בליהען זיך, קענען די מאטראזען פון שיפען וואס געפינען זיך מייטען און מיילען פון ברעג, שמעקען די זיסקייט פון דעם ריח...

איז מיר דער דופט פון די אראנזש־בליהונגען אין בלוט אריין...

איך האב געוואלט האבען א סך, א סך אראנזשען־דופט צוזאמען מיט א סך רוה און א סך גרינקייט...

נאך פריהער האבען מיר זיך בעקענט מיט משה סמי־ליאנסקי, איינער פון די פיאנערען־קאלאניסטען פון רחובות, וואס איז אין דער העברעאישער ווי אויך אין דער אידישער ליטעראטור, בעוואוסט מיט זיינע סקיצען פונ'ם נייעם ישוב, און מעהר נאך מיט זיינע מעשה'לעך פון דעם

אראבישען לעבען, אונטער דעם נאמען „חאוואדזשא מר סאה״. „חאוואדזשא״ מיינט „האר״ אדער „בעל הבית״, און „מוסאה״ דאס איז „משה״ אין אראביש. רופען איהם זיינע אראבישע ארבייטער „חאוואדזשא מוסאה״. האט ער עס גענומען פאר זיין פעדער־נאמען. ער איז א מאן אין די פערציגער, פון מיטעלען וואוקס, פעסט געבוים, מיט א רונד אויסגעריטעלט פנים ארומגעראהמט מיט א שווארץ שיטער בערדעל, קליינע טיעף־פער׳חלומ׳טע אויגען, און א סך פערשלאסענער ענערגיע.

אין יענער צייט איז ער, אזוי ווי א סך אנדערע פראר־מינענטע קאלאניסטען, געווען פערוויקעלט אין א מארד־פראצעס וואס איז ארויסגעוואקסען פון א צוזאמענשטויס צווישען די אידען פון רחובות און די אראבער פון דעם דארף זארנוקא, אין וועלכען איין איד און איין אראבער זיינען דערשאסען געווארען.

די זארנוק׳ער האבען שטענדיג געלעבט בשלום מיט זייערע אידישע שכנים, אחוץ דעם האבען זיי געצויגען זייער ער חיונה פון רחובות, וואו מע האט זיי גערונגען צו דער ארבייט, און וואו זיי האבען פערקויפט זייערע פראדוקטען. האט זיך אריינגעמישט דער שעיך אבו־חאליב און דאס בייז בלוט איז אריבער און מע האט שלום געמאכט.

דער פראצעס אבער איז שוין געווען אין די הענד פון דער „רעגיערונג״, און ביידע צדדים האבען זיך געצאפעלט ארויסצורייסען זיך פון די נעגעל פון טערקישער „גערעכ־טיגקייט״... די ארעמע זארנוקא איז נאר ארעמער געווארען און דעם רחובות׳ער ועד האט עס אפגעקאסט א שלל מיט

געלט, אחוץ וואס עס האט פערקריפעלט אויף א צייט אלע כלל־ארבייטען פון דער קאלאניע.

סמיליאנסקי פלעגט זיך מוזען אויסבעהאלטען פון די חאיאלען און אין יאפא פלעגט ער קומען בגנבה... ער האט אונז בעזוכט מעהרערע מאל אין פאנסיאן און מיר זיינען געווארען זעהר נאהנט בעפריינדעט. זיין עצה איז געווען, מיר זאלען קומען זיך בעזעצען אין רחובות — די שעהנ־סטע און געזינדסטע קאלאניע פון יהודה.

אז רחובות איז די שעהנסטע און צוגלייך די פארטגעשריטענסטע קאלאניע פון דעם גאנצען „ישוב", איז געווען די מיינונג ניט נאר פון „חאוואדזשא מוסאה", וואס האט אפגעגעבען זיינע בעסטע יאהרען אויף איהר אויפבויאונג, נאר פון אלע מיט וועמען מיר האבען גע־רעדט.

פיכמאן איז געווען ענטהוזיאסטיש פאר רחובות. ער אליין האט געפלאנט דארט צו מאכען זיין היים. פאר דעם צוועק האט ער שוין אונטערהאנדעלט וועגען קויפען א שטיק לאנד. זיין כונה איז געווען זיך בויען דארט א הויז און האבען א גארטען נעבען הויז, און לעבען און שאפען אין רוהיגער התבודדות.

מערקווירדיג, אז נאך זיינע אלע חלומות פון אפגע־זונדערטקייט איז ער איין טאג, זיך ניט זעגענענדיג כמעט מיט קיינעם, אוועקגעפאהרען קיין בערלין צו ווערען דער רעדאקטאר פון א נייעם העברעאישען זשורנאל.

אין געבליבען מיר זאלען פאהרען קיין רחובות.

האט פיכמאַן געשריבען צו סמילאַנסקי'ן אַז מיר פאָהד רען אַרויס מיט דער יאפא־ירושלים באַהן קיין רמלה, זאָל ער בכן אַרויסשיקען אַהין אַ וואָגען אונז אָפּצונעהמען.

עס איז געווען שווער זיך אָפּצושיידען פון אונזערע נייע פריינד. אָבער אַ האָפנונג איז געווען, אַז מיר וועלען פון צייט צו צייט קומען קיין תל־אביב.

אָנקומענדיג אין רמלה האָבען אונז אַרומגערינגעלט אַ האַלב־דוצען קרוע־בלוי'עדיגע, באַרוועסע אַראַבער. איטליכער האט מיט געוואַלט געוואַלט אַרויסרייסען פון אונזערע הענד די טשעמאָדאַנעס. דאָס זיינען געווען איר־זעל־טרייבערס וואָס האָבען זיך אָנגעבאָטען אונז צו ברענ־גען קיין רחובות.

איך וואַרט און זוך וואו איז סמילאַנסקי'ס שליח — מע זעהט ניט און מע הערט ניט. אַחוץ וואָס איך האָב ניט געוואָלט זיך אָנטרויען דיזאַזיגע אייזעל־טרייבער אין די הענד — בין איך קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געריטען, אויסער אין מיינע גאָר ערשטע יאָהרען — אויף אַ שטעקען. זיך אָ נ ה וי ב ע ן לערנען אין רמלה האָב איך קיין חשק ניט געהאַט.

פאַלט מיר איין, אפשר איז איינער פון די אייזעל־טרייבער געשיקט פון „חאוואדזשא מוסאה", וועלכער האָט אין די פינף און צוואַנציג יאָהר וואָס ער לעבט אין ארץ ישראל, פערגעסען אַז מע קען ליעב האָבען ארץ ישראל און דאָך פיינט האָבען אייזלען. מאַך איך מיט די הענד און גיב צו פערשטעהן אויף זייער ר ע ד ע וו ד י נ ג ע ן

שמום־לשון, אז איך ווארט אויף א צעטעלע פון „חאוואַ־דזשא מוסאה“.

— א צעטעלע ? מיט'ן שעהנסטען כבוד — רופט זיך אָפּ אַן אַלטער ווייס־בערדיגער אראבער, דאָס הייסט, איך שטויס זיך אָן אַז דאָס זיינען זיינע ווערטער. און טאַקי תכף געהט ער אוועק אָן א זייט און הויבט אויף פון דער ערד, אַזוי אַז איך זאָל ניט זעהן, א שטיקעל צוריסענע פּאַפּיער אויף וועלכען עס זיינען געווען אָנגעשריבען א פּאָר ווערטער.

— אָט איז דאָס צעטעלע — און דער מויל איז גרייט צו שווערען ביי דער באָרד פון דעם „נביא“, אַז וואָס ער זאָגט איז אמת.

איך ווייס ניט וואָס פון דער געשיכטע וואָלט זיך אויסגעלאָזען, ווען עס בעווייזט זיך ניט מיט אַמאָל מאַח־מוד, דער אראַבאַדזשי (בעל־עגלה) וואָס סמילאַנסקי האָט געשיקט אונז אָפּצונעהמען.

מיט עכטער אראבישער גלייכגילטיגקייט האָט ער די גאַנצע צייט פון דער וויכטען צוגעקוקט ווי מע רייסט אונז פון אַלע זייטען און אָפּגעלעגט זיין אויפטריט ביז צום פינפטען אַקט.

אין ערך א שעה זיינען מיר געפאָהרען דורך א שווע־רען זאַמדיגען וועג. אויף דער איינלאַדונג פון מאַחמוד'ן זיינען מיר מעהרערע מאָל אַרונטערגעקראָכען פון דעם וואָגען און געדאַנקט אַללאה פאַר וואָס מיר דאַרפען ניט אונטערשטופּען.

באלד זיינען מיר אריינגעפאהרען צווישען גערטנער, אידישע ארבייטער מיט ברייט־ראנדיגע שטרויענע היט, האבען אויף א מאמענט אויפגעהויבען דעם קאפ, געענט־פערט אויף אונזער „שלום" און ווייטער אנגעגאנגען מיט זייער ארבייט.

מיר זיינען איצט געווען אין דעם תחום פון רחובות, ביז אהער גרייכען די רייטענדע אידישע שומרים ביי דער נאכט.

נאך א פערטעל שעה, און אונזער וואגען האט זיך אפ־געשטעלט נעבען דעם „מלון קליביצקי".

די קאלאניע איינגעראהמט אין בוים־גערטנער, האט זיך שטיל געווארעמט אין דער פריהלינג־זון. אויף די גא־סען זיינען כמעט קיין מענשען ניט געווען און אומעטום איז געווען אויסגעשפרייט א געזונדע צופריעדענע רו־היגקייט.

איך האב געפיהלט, אז דא וועל איך געפינען יענעם ווינקעל, וואס איך האב געזוכט, און דא וועל איך קענען בויען מיין נעסט...

האבען דונקעלע ציפרעסען
מיר געזאגט : דו וועסט דא בלייבען,
וועסט דיין יאגד ניט לענגער טרייבען...
אונזער טראנק און אונזער עסען —
וארצעל־זאפט און זונענשטראהלען —
וועלען מיר מיט דיר צוטיילען...

וועסט ניט פליהען און ניט פאלען,
רוהען וועסטו און זיך היילען...

האט א ביען געדרעהט אין ליכט זיך,
און געזונגען מיר אין אויער : —
אפען איז געוועזן דער טויער,
עמיץ האט אויף דיר געריכט זיך,
וועסטו איהם אצונד בעגעגנען...
וועט ער פון געהיימע שטראמען
דיין נשמה פריש בערעגנען,
וועלען שפראצען נייע זאמען...

XXVI.

רחובות

דריי טעג כמעט אהן א הפסקה איז געגאנגען א שלאקס־רעגען. דאס איז געווען דער אנהויב פון די מלקוש־רעגענס, מיט וועלכע די ערד פון פאלעסטינא טרינקט זיך אן פאר די זעקס מאנאטען פון טריקענים, אזוי ווי א קא־מעל טרינקט זיך אן פאר א נסיעה אין מדבר.

איצט איז ווידער געווארעןווארם און זוניג און איך האב א גאנצען נאכמיטאג געשפאצירט אין און ארום דער „מושבה".

איך בין געקומען ביז צו „רחוב יפו", און בין אריין אין א ברייטער אלעע בעפלאנצט פון ביידע זייטען מיט אייקאליפטען און מימאזען, וואס די אראבער רופען זיי „שאַ־דזשאר־איל־יאהוד" (אידישע בוימער). איידער ס'איז גע־קומען דער נייער אידישער „ישוב", האט מען דידאזיגע צוויי מינים אין די היגע מקומות ניט אנגעזעהן.

נעבען דער אלעע אין דעם שאטען פון א בוים, זיינען געזעסען א הויפען קליינע מיידעלעך און האבען זיך גע־שפיעלט.

זיי זיינען אלע געווען היע־געבוירענע. פרישע, גע־

זונדע, פון זון פערברענטע פנים'לעך און שווארצע עכט־אידישע אויגלעך. פון די אויגלעך האט געלאכט די לעך־בענסלוסטיגקייט און די אמונה אין זיך פון א געזונדטען יונג־געווארענעם פאלק..

— שלום ילדות! (שאלאם יעלאדאט).

— שלום אדוני!

זיי האבען מיך אנגעקוקט האלב שעמעוודיג, האלב־נייגיעריג. בין איך צוגעגאנגען נעהנטער און האב זיך אריינגעלאזען מיט זיי אין א שמועס.

פערשטעהט זיך אז אלע האבען גערעדט העברעאיש. דאס איז די מוטער־שפראך פון די קינדער אין רחובות. און פון זייערע קינדערשע ליפען קלינגט עס שעהן און, איך וואלט זאגען, מוזיקאליש, און אזוי נאטירליך, אז אלע טעארעטישע טענות אז א שפראך קען מען מיט קונצען ניט אויפלעבען — פערשווינדען פון זיך אליין, ווען מען הערט זיי ריידענדיג.

אין פערלויף פון אונזער געשפרעך האט א מיידעלע פון א יאהר ניין, ארויסגעזאגט מיט זיכערקייט אז אין ארץ ישראל זיינען דא מעהר אידען ווי אין אלע מדינות פון דער וועלט צוזאמען.

א חבר'טע פון א יאהר צעהן מיט א קאפ שווארצע געדיכטע האאר, פערשארען ווי ביי אן אינגעל, און מיט קלוגע ברייט־געעפענטע אויגען, האט ניט אין גאנצען מסכים געווען.

— מעהר ווי פון אלע מדינות — זאגט זי — יא,

אבער מעהר ווי פון ארץ „רוסיה" נים. דארט זיינען דא אידען מעהר ווי אין גאנץ ארץ ישראל.

— מיט וויפיעל אז ערך מעהר ? — בין איך טשר־קאווע צו וויסען.

דער קינדערשער שטערן טהוט זיך אויף א רגע א קנייטש, די שווארצע ברעמען ציהען זיך צוזאמען. דער מח, קענטיג, ארבייט שטארק.

— צוויי מאל אזוי פיעל ווי אין ארץ ישראל — קומט ענדליך די תשובה.

— און אין אמעריקא ? — לאז איך שוין נים אפ.

— אין אמעריקא ? — לאבען זיי זיך אלע פאנאנדער און די ווייסע געזונדע צייהנער גלימצערען אין דער זונן — אין אמעריקא איז אודאי און אודאי ניטא אזוי פיעל אידען ווי עס זיינען פאראן אין ארץ ישראל.

האב איך געקלערט : נאך אלעמען זיינען אפשר די מיידעלער גערעכט.

וויפיעל אידען וואס לעבען כלומר'שט אין רוסלאנד און אין אמעריקא, האבען זייערע נשמות דא אין פא־לעסטינא..

אזוי שנעל ווי איך בין אפגעגאנגען א פאאר טריט פון זיי, האבען זיי זיך גענומען פאר די הענד און אויסגע־שטעלט אין א ראד. און איינער נאר א קלייניגקע האט לאנגזאם געשפרייזט ארום דעם ראד און געזונגען דאס קינדער־ליעדעל :

„אני הולכת אל השדה" (איך געה אין פעלד).

א שמאלער וועג האט מיך ארויפגעבראכט אויף א קליינעם בערגעל. דאס בערגעל איז דער ליעבלינג־פלאץ פון דער שפאצירענדער יונגווארג, און האט שוין בעוויזען געקרוינט צו ווערען מיט'ן נאמען גבעת האהבה (ליעבעס־בערגעל).

די שעהנע בלימעלעך וואס וואקסען אויף דער „גבעת האהבה", אזוי ווי זייערע קרובים אומעטום, זיינען בטבע זעהר פערשוויגען. צווישען זיך אבער האבען זיי פון אסך הייסע סודות צו דערצעהלען.

איך האב זיך אפגעשטעלט אין מיטען בערגעל. מיינע בליקען האבען געמאכט שנעלע הקפות איבער דער גאנצער לאנדשאפט, ניט וויסענדיג וואוהין פריהער זיך צו קעהרען...

צו מערב־זייט אראפ אין טהאל זיינען געלעגען די טונקעל־גרינע ביארעס און מאנדעל־גערטנער, טרינקענדיג דעם גילדערנעם מבול פון זונענשיין... צווישען די גערטנער און הינטער זיי האבען זיך געשפרייט תבואה־פעלדער און לאנקעס, אין אלערליי מינים גרין. ווייט־ווייט אוועק האט געשימערט א געלער גארטעל — דער זאמדיגער ברעג פון דעם מיטעללענדישען ים.

פון דער אנדער זייט פערטונקט אין אייקאליפטען, צעדערען, ציפרעסען און תות־בוימער (מוילבערבוימער), האט אנגעקוואלען פון זיך די שעהנע קאלאניע, מיט איהרע וויים־געקאלכטע הייזער און איהרע רויטע דעכער. ציכטיג און חנ'עוודיג האט איטליך הויז צוריקגעשלאגען די וואַ־

רעמע שטראַהלען, און הינטער און איבער אַלע הייזער, לעהנענדיג איהר רוקען אַן די בלאָע פערשלייערטע הרי יהודה — האָט זיך אויפגעהויבען די איינפאַך־געבויטע שוהל מיט די גרויסע האַלב־רונדע פענסטער...

„און עס וועט געשעהן אין דעם סוף פון די טעג: פעסט וועט שטעהן דער באַרג פון גאָט'ס הויז... און עס וועלען קומען פיעל פעלקער און זיי וועלען זאָגען: קומט לאָמיר ארויפגעהן צו דעם באַרג פון גאָט, צו דעם הויז פון יעקב'ס האַר, וועט ער אונז לערנען זיינע וועגען און מיר וועלען געהן אין זיינע שטעגען...".

ווער האָט די פסוקים אריינגעשושקעט אין מיין אויער?...

קוקענדיג אויף די מילדע, נעבעל־פערשוואומענע און פער'חלומ'טע הרי יהודה, האָט זיך געדאַכט, אַז „בערג" איז אַ צו ממשות'דיגער, אַ צו וואָכעדיגער נאָמען... אפשר „נשמות פון בערג"? אויב בערג שטאַרבען און האָבען אַ יענע וועלט, מוזען זיי אויסזעהן אזוי ווי די הרי יהודה.

ליעגען זיי, אונטער זייער דינעם נעבעל־טוך אזוי טאָג, אזוי נאַכט און חלומ'ען... די זון קומט און פער־געהט, די שטערען פינקלען און פערלעשען זיך און זיי ליעגען איינגעוויקעלט אין זייער בלאָער „קעפיעה" און חלומ'ען... עראינערונגען? האָפנונגען?...

האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעוויזען, ווי אַרום, ניט גע־זעהן פון אַן אויג און ניט געהערט פון אַן אויער, ווימלען

גאנצע מחנות פון בעפליגעלטע חלומות, וואס פלאטערען ארום פון טויזענדער יאהרען און זוכען א תקון...

און אט וועט מיט אמאל א הילכיגער שופר ארויס־שאלען פון ערגעץ וואו, אפשר טאקע פון אט־יענע נעבעל־דיגע בערג, און אלע חלומות וועלען מיט אמאל זיך בע־קליידען מיט פלייש און מיט הויט און וועלען קריגען א געשטאלט, און „דער שרון וועט אנהויבען זינגען".

די זון האט זיך דערווייל אראפגעלאזט אלץ נידריגער און נידעריגער. אין די צווייגען האבען זיך די פויגלען פא־נאנדערגעסווישטשעט מיט גרויס אימפעט — גלייך ווי זיי וואלטען וועלען זיך זאט אנזינגען איידער די קיהלע נאכט וועט ביי זיי דעם קול אפנעהמען...

אט שוין האט דער אונטערשטער ראנד פון דער גרוי־סער רויטער זון אנגעריהרט דעם זוים פון דער ערד... דאס קבר־בערגעל פון „נעבי גענדי" איז ארויסגעטרעטען אלץ בולטער און בולטער קעגען דעם מערב־הימעל... לאנגזאם איז דער פייערדיגער קויק פערשוואונדען געווארען און... דא האט זיך ערשט אנגעהויבען דער עכטער זונען־אונטער־גאנג פון ארץ ישראל...

א גאנצער האלבער הימעל איז געוועזן אנגעצונדען און איז געווארען ברענענדיגער פון רגע צו רגע...

הינטער דעם זאמדיגען ים־ברעג איז די זון געלעגען ווי א רואה ואינו נראה און האט אלע מינוט א ניי פארבען־וואונדער בעוויזען...

א קיהל אבענד־ווינטעל האט אנגעהויבען בלאזען פון ים אהער. און דער בין השמשות איז געווען שכור מיט דעם ליידענשאפטליכען, זיסען גערוך פון די בליהענדע מאראנצען... איך בין ארונטער פון דעם בערגעל און האב זיך אומגעקעהרט צוריק אין דער קאלאניע. איך בין ווידער אריין אין דער אלעע פון אייקאליפטען און מימאזען.

א קאראוואן מיט קעמלען איז אנגעקומען אויף דעם וועג וואס פיהרט פון ועד־חנין. די קעמלען האבען ריט־מיש געמאכט מיט די העלזער ארויף און אראפ, און די גלעקלעך אויף זייערע העלזער האבען געקלונגען אין דער אבענד־לופט אזוי ווי דער אפקלאנג פון א ווייטען חלום...

א'ן אלטער וויים־בערדיגער אראבער מיט דעם גע־זיכט פון א מדבר־נביא און מיט גרויסע שמוציגע פיס איז פארבייגעריטען אויף א קליינעם נידריגען אייזעל... ער איז געריטען לאנגזאם אזוי ווי ער וואלט געהאט טוי־זענד יאהר צייט צו ענדיגען זיין נסיעה...

פון צווישען די כרמים האט זיך אנגעהויבען הערען דער קלאג פון די הונגעריגע שאקאלען... ערשט איינער, צוויי, דערנאך אלע עפטער און מעהרער אויף איין מאל...

איך האב אויפגעהויבען די אויגען צום מזרח און האב דערזעהן א גרויסע וואקס־קאלירטע לבנה. זי האט האסטיג געקלעטערט פון הינטער דער שוהל, אזוי ווי זי וואלט געלאפען פערכאפען דעם ארט פון דער זון, וואלכע האט בשום אופן נים געוואלט אפטרעטען דעם פלאץ.

צווישען דער זון און דער לבנה איז געגאנגען א גע־וועט. איין האלבער הימעל איז געווען בעגאסען מיט די

רויטע, געלע און גרינליכע פארבען פון דער פערגעהענדער זון און פון דער צווייטער זייט האט די לבנה זיך געפלייסט.

און די קאלאניע איז געלעגען איינגעטוליעט אין איהרע בוימער און האט אין דער טונקעלקייט געטרונקען די בערוישענדע ריחות פון די אראנזשען, און האב געקליבען נחת פון דער קאנקורענץ צווישען זון און לבנה — אלץ כדי ביי איהר נושא חן צו זיין...

XXVII.

גלגולים

אין א ווינקעל פון דעם לעדיגען שטיק פלאץ וואס איז סאמע אקעגען אונזער „מלון”, אויף א בערגעל, שטעהט א קליין הילצערעןביידעל מיט א קליין פענסטערל פון פאַ־רענט.

פון אט־דעם ביידעל און דורך אט־דעם פענסטערל ווערען יעדען אבענד, פאר דעם שיין פון א קליין לעמפעל, אויסגעטיילט די בריעף וואס קומען אן פון יפו.

ס'הייסט אייגענטליך ווערט די פאסט צוערשט גע־בראכט צו דעם „פאסטמייסטער”, דעם אלטען בחור טרי־וואש, וואס נעהמט זיין אהן־שכירות'דיגען אמט זעהר ערנסט. ערשט נאך דעם ווי ער קלייבט זיי פאנאנדער, געהען זיי איבער אין די הענד פון א אידען מיט'ן נאמען מאנאסטירסקי, וואס זיין עובדה איז זיי ברענגען צוטראַ־גען אין דעם הילצערנעם ביידעל און זיי פון דארט אויס־טיילען.

דער דאזיגער מאנאסטירסקי ארבייט א גאנצען טאג אין א פרדס. אז ער קומט צוריק פון דער ארבייט, טהוט ער זיך ערשט א נעהם מיט חשק צו זיין אייגענעם קליי־

נעם גערטעל פון ירקות, וואס ער האפט, מיט דער צייט פון איהם נתעשר צו ווערען. בלייבט איהם נאך אין אבענד א לעדיגע שעה, וואס איז א שאד צו לאזען גלאט געהן אין ניוועץ, איז ער אין דער שעה דער מחלק פון די בריעף.

ארום אכט א זייגער ווערט דאס בערגעל ארוםביידעל הילכיג מיט שטימען פון אידישע טעכטער אנגעטהאן אין וויסען און אידישע בחורים אין בלוזעס מיט גארטלעז.

שטעהט מען און מען ווארט ביז דאס פענסטערל וועט זיך עפענען. דערווייל פלוידערט מען און מע לאכט אויפ'ן קול און מע קוקט זיך איבער אין דער פינסטערנים, און „בעוואוסטזיניגע פועלים" לאדען איין אויף א שפאציער די טעכטער פון די „בועזים" *)

הויבט גאר אין מיטען דערינגען אן א שלאנק מיידעל צו זינגען עפעס א העברעאיש ליעד און עס ווערט א כאר און מע פערגעסט אין גאנצען אן די בריעף..

א פאאר טריט פון דעם פאסט־ביידעל שטעהען צוויי הויכע סלופעס. איבער די סלופעס ליעגט פאר קווער א באלקען, און פון דעם באלקען הענגט א גלאק פון וועלכער עס באמבעלט זיך א שטריק.

פינף מאל א טאג קומט אונזערער א „קרוב פון תימן" מיט לאנגע, געדרעהדעלטע פאות, און בארוועסע שאקא־לאד־פארבינע פיס, און ציהט דידאזיגע שטריק. הויבט אן

*) אזוי רופען די פועל ם אין ארץ ישראל א קאלאניסט וואס ער בייט אליין נים, נאר „בועז'ן", וואס ווערט דערמאנט אין רות.

די גלאָק צו קלינגען, ביז עס הילכט אזש אָפּ אין די ווייט־ס׳טע פּרדסים.

צום ערשטען מאָל קלינגט די גלאָק סאַמע אין דער פריה, ווען דער טהוי ליעגט נאָך אויף די וויינשטאָקען, און פון אלע זייטען פון דער קאָלאָניע הויבען זיך אָן בעווייזען אַרבייטער מיט משונה־ברייטע שטרויענע היט אויף די קעפּ, און משונה־גרויסע שטרויענע קוישען אויף די הענד.

די גרויס פון די קוישען איז זיך גלאַט פון רחבות וועגען, ווארום איגעווייניג ליעגט, על פּי רוב, ניט מעהר ווי אַ שטיק ברויט פון אַ בין־השמשות׳דיגען קאָליר, ס׳הייסט, ניט שווארץ און ניט ווייס. אין שכנות מיט׳ן ברויט „הויערט״ אַ גרויסע וויס־בייכיגע אוגערקע און אַז נאָט גיט, אַ שטיקעל קעז.

צום צווייטען מאָל קלינגט די גלאָק האלב צוועלף. און אַז מע הערט דעם הילכיגען קלאַנג ווייס מען, אַז ער־געץ אונטער דעם שאָטען פון מאַראַנצען־ אָדער מאַנדעל־בוימער, זיצען אידישע יונגע לייט בהרחבה און עסען ברויט מיט גרינער אוגערקע, און לאָזען זיך וואוילגעהן אין דער ארץ זבת חלב ודבש...

האלב איינס קלינגט ווידער:

— געגוג געהוליעט, ברידער, לכו לסבלותיכם...

נעהמט מען זיך ווידער צו דעם גראָב־אייזען.

צום פערטען מאָל קלינגט די גלאָק האלב זעקס פאַר־נאַכט. די משונה־ברייטע שטרויענע היט בעווייזען זיך ווידער, און צוגלייך די משונה־גרויסע שטרויענע קערב — דאָס מאָל ליידיג ווי נאָך ביעור חמץ.

דערווייל פאלט צו די נאכט. דער דיליזשאנס איז שוין לאנג אנגעקומען פון יפו און האט אויסגעשאטען די פאסאזשירען, און די בינטלעך, פעקלעך און קעסטלעך מכל המינים, נעבען פאדוא׳ס בשמים־קראם. דער אלטער איד מיט דעם ווייסען שפיצינגען בערדעל וואס טיילט פאנאנ־דער די „החרות׳ן״ אזוי שנעל ווי זיי קומען אן מיט׳ן די־ליזשאנס, זיצט שוין און לערנט זיין פרק משניות אין שוהל...

פון קלוב הפועלים טראגען זיך נעזאנגען אויף אלער־ליי אקטאוועס. נאך א טאג תאחמירען (גראבען) אידישע בוימגעבטנער, און נאך דער פיינער וועטשערע פון טהעע מיט ברויט כיד המלך — איז מען שטארק אויפגעראמט און מע זינגט צום טויזענדסטען מאל „אל יבנה הגליל״.

און מיט אמאל ווידער : קלינג־קלאנג, קלינג־קלאנג...

דאס קלינגט די גלאק א סיגנאל פאר די שומרים צו טהאן זייער שטילע אומגעזעהענע ארבייט, כדי די טויזענד נפשות פון דער קאלאניע זאלען קענען שלאפען רוהיג און זיכער, וויסענדיג, אז עס „דרימעלט נים און שלאפט נים דער אידישער וועכטער״...

אחוץ די פינף מאל יעדען טאג, רופט די גלאק צו־זאמען די איינוואוינער פון דער „מושבה״ אין דעם גרוי־סען „בית עם״, צו דער יעהרליכער אסיפה ווען דער ועד העיר ווערט אויסגעקליבען, אדער צו אנדערע וויכטיגע פערזאמלונגען.

הערט מען די גלאק קלינגענדיג אין אנדערע צייטען,

ביי טאָג אָדער ביי נאַכט, ווייס מען אַז ערגעץ אין אַ פּרדס האָט אַן אומגליק פּאַסירט. כאַפּען די אינגערע דאָס געווער און מע לאָזט זיך אהין לויפען און ביי די עלטערע פאַלט אייַן דאָס האַרץ...

צוליעב דעם גלאָק האָב איך דעם ערשטען טאָג וואָס איך בין אָנגעקומען אין רחובות געהאַט אַן אמת'ן שרעק. איך ליעג אַזוי האַלב אויף און האַלב דרעמלענדיג און פיהל דעם זיסען טעם פון „בתוך עמי אנכי יושב", און מיט אַמאָל — איך בין אַ פּערצאַפּעלטער געוואָרען — אַ קלויסטער־גלאָק...

הייסט עס, אַז מיר האָבען דאָ אַ קלויסטער אויך. טאָ אם כן וואָס איז דאָ מיט דיר די שמחה?... דערביי האָבען מיר אָנגעהויבען אַרויפקומען אויף'ן געדאַנקען די קינדערשע זכרונות פון דעם גרויסען געלען קאַסציאָל, מיט די צוויי הויכע טורעמס וואָס זיינען געשטאַנען ביי אונז אין שטעדטעל, סאַמע אַקעגען מאַרק. און אַז די גרויסע גלאָק וואָס איז געהאָנגען אין איינעם פון די טורעמס, האָט אָנגעהויבען קלינגען, פלעגט אויף אונז קינדער אָנפאַלען אַן אימת מות, נאָך מעהר ווי ווען מיר פלעגען זעהן דעם אַלטען גלח אָדער הערען ווי דער אָרגעל שפּיעלט...

שפּעטער בין איך דערגאַנגען, אַז נאָך אַלעמען איז מיין מורא ניט געווען אין גאַנצען אָהן אַן אורזאַך. די גלאָק איז טאַקע אין דער אמת געווען אַ קלויסטער גלאָק, אַן אָפּגעניצטע און אויסבראַקירטע קלויסטער־גלאָק, וואָס דער

„ועד המושבה" האט אפגעקויפט און מגייר געווען פאר אידישע צוועקען.

דאס איז צוגלייך אן ערקלערונג, פארוואס דער קלאנג פערהאקט זיך אפטמאל, און פארוואס עס פאסירט אז צו די צוויי קלאנגען וואס זי דארף געבען על פי יושר, איז זי מוסיף נאך א דריטען, האלב־קלונג, האלב־קרעכץ...

יעדענפאלס לעגט זיך ד א ס בעסער אויפ'ן שכל, ווי די ערקלערונג וואס א בעקאנטער קאלאניסט האט מיר געגעבען. ער זאגט, יאקבי, אז דער תימני וואס ציהט די שטריק איז א לא־יוצלח און טויג ניט צו זיין ארבייט.

ס'איז גאר פשוט: די גלאק האט ניט אין גאנצען חוזר בתשובה געווען. איהר בענקט זיך נאכ'ן קלויסטער.

זינט איך האב אויסגעפונען דעם יחוס פון דער גלאק, האב איך אויף איהר געווארפען אן אומחן.

איך האב פיינט גרים, בעזונדערס אזעלכע וואס קלינגען.

ארץ ישראל איז בכלל א וואונדערבאר פלאץ פאר מגייר זיין און כשר'ן רעכט אידישלעך ניט־אידישע זאכען.

אט למשל די נגונים וואס מע זינגט דא — און גע־זונגען ווערט דא ז ע ה ר פיעל — מע קען דא הערען מאטיוועז פון יעדער אומה ולשון. געהט מען צו נעהנטער און הערט מען די ווערטער, געפינט מען אויס אז דאס האט מען געבאפט א רוסישען, דייטשען, ענגלישען, פראנצויזי־שען אדער אמעריקאנישען נגון און איהם איינגעשפאנט אין דעם יאך פון א העברעאישען טעקסט.

מיט א פּאָר טעג צוריק הער איך ווי קליינע קינדער זינגען אונזער אמעריקאנישען „יענקי־דודעל“. נאָך א נעהנטערער אויספאָרשונג האָט זיך ארויסגעוויזען אז דאָס האָבען זיי געזונגען מיט דעם נגון פון „יענקי־דודעל“, דאָס העברעאישע ליעדעל „הנה ככה והנה ככה“.

דערפאר אין עקרון, דוקא א קאָלאָניע וואו מע איז פרום און אַלט־מאָדיש, האָט מען אַן עכט אידישע אנ־שטאַלט נע'שמדט פאר וואכעדיגע צוועקען.

ווען איך בין דאָרטען געווען ניט לאַנג צוריק, האָט אונז אַן עלטערער קאָלאָניסט געפיהרט ווייזען די אמאָליגע מקוה וואָס איז איבערגעמאַכט געוואָרען אין א מעלק־בויד.

ארום זיינען געשטאַנען ריין־געוואַשענע צינענע קאַ־נען. יעדען פריה־מאָרגען ווערען זיי אָנגעפילט מיט מילך פריש פון דער קוה און אפּגעפיהרט ביז דער באַהן־סטאַנ־ציע פון ראַמלע. פון דאָרט ווערען זיי אפּגעשיקט קיין יפו.

אויסגעזעהן האָט, אז די קאַנען זיינען שטאַרק צו־פרידען מיט זייער מיסיאָן.

און ניט נאָר די קאַנען האָבען געקליבען נחת וואָס זיי זיינען די טרעגער פון דער „מילך־קולטור“. מע האָט גע־קענט זעהן אז אפילו די אַלטע שטיינערנע מקוה, געבויעט פאר באַראָן ראָטשילד'ס געלד און דורך דעם באַראָן'ס משרתים, קוועלט אַן פון די ווייסע קאַנען, געקויפט פאר דאָס געלד פון די קאָלאָניסטען — וואָס האָבען פערבאַפּט איהר פּלאַץ.

אין דעמזועלבינען עקרון האָב איך, שפּאַצירענדיג דורך דער גאַס דערזעהן אַ בייטעל בלומען נעבען אַ הויז. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט קוקען און האָב עס געהאַלטען פאַר מיין חוב אויסצוגעפינען דעם העברעאישען נאָמען פון איטליכען מין.

איינינע קינדער זיינען דערביי געשטאַנען. האָב איך ביי זיי נעפרעגט. זיי האָבען אָבער ניט געוואוסט מעהר פון מיר.

האָב איך זיך געווענדעט צו אַ 14—15־יעהריגער מיידעל וואָס האָט נראַד דאַן אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אַ דערבייאיגען פענסטער.

איהר תשובה איז געווען קורץ און שאַרף:

— אין שמות לפרחים (בלומען האָבען קיין נעמען ניט).

בלומען האָבען אָבער יאָ נעמען אין ארץ ישראל. און אַנדערע זיינען זעהר פּיקאַנט.

אַט למשל רופט מען דאָס בלומעל „שטיפמוטערל" (אין ענגליש: פּענזי) — „אמנון ותמר".

ווי דאָס איז, מיט אַ נאָמען אָדער אָהן אַ נאָמען — די בלומען אין ארץ ישראל וואַקסען ניט געבעטענערהייד. זיי זיינען געוועהנט געווען צו בליהען ווען קיין מוטער־מענש איז דאָ ניט געווען, און די שוועריגקייט צו געפינען פאַר זיי אַ נאָמען, וועט זיי פון בליהען ניט אָפּהאַלטען.

און די שעהנסטע בלומען, דאַכט מיר, וואָס וואַקסען

אין ארץ ישראל, זיינען דוקא יענע וועלכע קיינער האט ניט געפלאַנצט און אום וועלכע קיינער האט זיך ניט גע־קימערט...

ניטאָ קיין קוויקענדערע ערשיינונג ווי צו זעהן אין אדר אַדער ניסן, די פעלדער בוכשטעבליך בעדעקט מיט אַלערליי קאָלירטע בלומען. אָהן שתדלנות וואקסען זיי, אָהן סטיפּענדיעס פון א ניס־קאָן און אָהן דער הילף פון א בעל־טובה'דיגען גערטנער. איך האָב זייער גלייכען אין קיין גאָרטען ניט געזעהן, און זיי בעטען זיך:

— נעהם, טייערינקער, פליק פיעל דו ווילסט אַליין, ס'איז דאָ ברוך השם גענוג, פאַר דיר און פאַר נאָך טויזענדער. און באַלד וועלען קומען די הייסע טעג און מיר וועלען אין גאַנצען פערשוואונדען ווערען.

מיך ציהען בעזונדערס צו די רויטע אנעמאָנען — די שושנת העמקים פון שיר השירים — און די געלע מאַרגע־ריטקעס. נעהם איך איינע פון איטליכען מין און שטעק זיי צוזאַמען אריין אין מיין לאַץ.

דער זווג פון די צוויי שטאַרקע פאַרבען האט פאַר מיר א געוואַלדיגען כשוף.

לאַנג האַלטען זיי ניט אָן, אָבער איך קען מיר פערגינען דעם לוקסוס זיי אַלע ווייַלע איבערצובייטען אויף נייע.

וועגען די בלומען אין ארץ ישראל איז פאַראַן א מעשה'לע:

חירם דער קעניג פון צור האט געשיקט שלמה המלך'ן א מתנה, א זעהר טייערען מאנטעל פון א וואונדער־שעה־נער רויטער פארב. האט זיך שלמה שטארק דערפרעהט מיט דעמדאזיגען מאנטעל און אז ער פלעגט איהם אנטהאן, פלעגט זיך זיין הארץ אנפילען מיט שטאלץ, ווארום קיינ־מאל אין זיין לעבען האט ער אזא שעהנעם קאליר ניט גע־זעהן.

געהט ער אזוי איין טאג אנגעקליידט אין דעם טייערען מלבוש, מיט אמאל קומט איהם אן אנטקעגען א קליין מיי־דעלע מיט א בינטעל פרישע פעלד־בלומען פון אלערליי וואונדערבארע קאלירען. איז דער קעניג געבליבען שטעהן א פערוואונדערטער און ער האט אראפגעווארפען פון זיך זיין מאנטעל און האט אויסגערופען: —

וואס פאר א בעטרעף האבען די שעהנסטע געוועבען פון צור אקעגען די פארביגע קווייטען וואס דער בעשעפער פון דער ערד האט אויסגעשטיקט אויף אלע בערג און אויף אלע טהאלען!...

כ'האב גע'חלומ'ט זיך בעפרייען
און אלץ ענגער זיך פערקלאמערט...
כ'האב אליין מיין קייט געהאמערט,
וואס א טאג א רינג א נייעם...

וועל איך איצט אין שטילע טיגלען
אלע שווערע קייטען שמעלצען...

װעלען פֿאַלען אַלע שטעלצען,
אַלע צוגעקלעפּטע פֿליגלען...

װעל איך מאַרגעריטקעס קלײבען,
פֿליקען רױטע אַנעמאַנען,
װעט פֿון אַלע פֿאַלשע טהראָנען,
מעהר קײן זכר ניט פֿערבלײבען...

װעל איך אױף די פֿעלדער ליעגען,
און װעל בעטען ערד און שטערן :—
לאָזט מיר א י י ע ר אמת הערען,
מ י י נ ע ר איז געװען אַ ליגען...

XXVIII.

לאַנדסלייט

באַלד נאָך מיין אָנקומען אין רחובות האָט מיך „חאַוואַדזשאַ מוסאַה" בעקענט מיט מיינעם א „לאַנדסמאַן". א יונגער מאַן מיט'ן נאָמען מ... מיט בלאָע נאַאיווע אויגען, און שעהמעוודיגע, כמעט מיידעלשע מאַניערען. אין ניו יאָרק, וואו ער וואָלט אודאי געווען אָהן א באָרד און אָהן וואָנצעס, וואָלט זיך אויפ'ן ערשטען קוק ארויסגעוויזען, אַז ער איז נאָך גאָר יונג. דאָ היע האָט איהם א געניט אויג געמוזט צוערשט אָפּראַזירען, כדי אויסצוגעפינען ווי אַלט ער איז.

איך דערוויס זיך, אַז צו פערצעהן יאָהר איז דעם שטילען מ... בעפאַלען די וואַנדערלוסט. האָט ער פערלאָזען זיין קליין שטעדטעל אין רוסלאַנד און האָט זיך איינער אליין אַוועקגעלאָזט אין מרחקים — אַזש קיין „קייפּ־טאַון" אין אַפריקאַ.

ער האָט זיך דאָרט א סך אַנגעפּלאָגט ביז ער האָט זיך צו עפּעס דערשלאָגען. בלייבען דאָרטען אויף תמיד האָט ער ניט געוואָלט, געבייגקט נאָך דער אידישער

סביבה, איז ער אין א פּאָר יאָהר אַרום אָפּגעפאָהרען פון דאָרט קיין אַמעריקאַ.

די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געווען איןביידע לענדער, האָט דער אַמאָליגער לערנער ניט אויפגעהערט זיך אַליין אויסצובילדען אין זיינע פרייע צייטען. ער האָט זיך איינגעקויפט אַ סך ענגלישע און העברעאישע ספרים און האָט פיעל געלייענט און געלערענט.

ס'האָרץ האָט דעם שטילען, שעהמעוודיגען מ... תמיד געצויגען אַוועק פון דעם הו־הא און דער טומעלדיגקייט פון דעם אַמעריקאַנישען לעבען...

— און אַ חוץ דעם — זאָגט ער צו מיר — האָב איך אויף שריט און טריט געזעהען, אַז מע האָט אַ אידען פֿיינט אפילו אין דער פרייער מדינה... איך האָב עס געזעהען אויף די קאַרס און אויף די גאַסען און אומעטום. האָט עס מיר אין האַרצען געשטאָכען און ס'איז מיר דאָרט ענג געוואָרען...

— האָב איך דערשפּירט, אַז פאַר מיר איז ארץ ישראל... בין איך אַוועק אין רחובות, האָב געקויפט אַ שטיקעל ערד און האָב זי אַליין בעאַרבייט, און אַז איך בין געקומען צוריק אַז אויסגעמאַטערטער נאָך אַ טאָג שווערע אַרבייט, האָב איך זיך אויסגעצויגען אויף דער קאַלטער פּאָדלאָגע און מיין מיעדקייט האָט געהאַט פאַר מיר טעם גן־עדן... דאָס בין איך דאָך פערמאַטערט געוואָרען גראַבענדיג מ י י ן, אונזער ערד.

איצט איז מ... דער אייגענטהימער פון אַ גרויסען פּרדס. אַ חוץ ארץ ישראל, אין וועלכער ער איז פערליעבט

מיט לייב און זעעל, איז ער א גוואלדינער חסיד פון עמער־סאן, ווען ער לאזט ממש פון מויל ניט ארויס... ער האט שוין אפילו געפרובט זיינע עסעים איבערזעצען אין העב־רעאיש.

און אזוי ווי ער האט ליעב ארץ ישראל און עמערסאן אזוי האט ער פיינד ניו יארק.

— אוואו געפינט איהר — טענה'ט ער, ווען מיר ווע־רען אביסעל אינטימער — אזוי פיעל עם־הארצות און „בלאף״? אט נעהמט — זאגט ער מיט א טאן פון „לכם ולא לו״ — א י י ע ר ע אידישע צייטונגען.

און אז מיר רעדען זיך פונאנדער, נעהמט ער גאר ארויס אנ'אלטע אידישע צייטונג און לייענט מיר פאר א פעליעטאן, וואס ער האט געשריעבען ווען ער איז גע־ווען אין ניו יארק — א בעשרייבונג פון דעם ים...

מ...'ס שווער, אדון ז... איז איינער פון די רייכסטע תושבים פון דער קאלאניע. ער איז אהער געקומען פון שי־קאגא, וואו ער האט אין פערלויף פון די פאאר צעהנדליג יאהר, וואס ער האט דארט געלעבט, אויפגעבויט א גרוי־סע „האלסייל גראסערי״ ביזנעס. ז... איז געווען א משכיל־אפיקורס פון דער היים, וואס האט שטארק ליעב געהאט דעם תנ״ך. א גאנצען טאג איז ער געווען אריינגעטהאן מיט לייב און זעעל אין „ביזנעס״ און אין געלד־מאכען, אבער אזוי שנעל ווי ער האט געקראגען א ליידיגע מינוט פאר זיך, איז זיין גרעסטער תענוג געווען זיך צו גריבלען אין דער אויסטייטשונג פון א שווערען פסוק פון תנ״ך.

ער האט געהאט בלויז איין קינד, א מיידעל, וואס האט זיך ערצויגען ווי אלע אידישע מיידלעך פון פער־מעגליכע עלטערען אין אמעריקא. דאס מיידעל האט גע־האט איהר „האי־סקוהל" און איהרע חבר'טעס, און דער טאטע האט געמאכט געלד און זיך געגרונטעוועט אין תנ"ך.

אבער אז דאס מיידעל האט געענדיגט האי־סקוהל און עס איז געקומען די צייט א קלעהר צו טהאן מכח א שידוך, האט דער ביבעל־פארשענדער גראסערימאן אפגע־רוקט זיין „לעדזשער" אן א זייט און האט אנגעהויבען מאכען א חשבון הנפש.

ער האט — דערצעהלט ער מיר ביי אונזער ערשטער בעגעגעניש — ניט געקענט פערטראגען דעם געדאנק, אז זיינער אן איינעקעל וועט הייסען „טאם" אדער „דיק", צו דערזועלבער צייט וואס מיר האבען א תנ"ך פול מיט אזעל־כע שעהנע, פערעלדיגע נעמען, און עס וועט אנקומען מיט צרות ביז מע וועט איהם איינגעבען א פאאר עס־לעפעלעך „ביבליקאל־היסטארי"...

האט ז... פערקויפט זיין גוט־געהענד געשעפט, גע־נומען זיין ווייב און זיין בת־יחידה, איז אוועק קיין ארץ ישראל און האט זיך בזעצט אין רחובות.

דא האט ער געקויפט ערד, איז געווארען א „פרדסן" און האט אויפגעבויט פאר זיך א שעהנעם מויער מיט גרויסע ווערענדאס, פון וועלכע מע קען זעהן אי די הרי־יהודה אי די זאמדען פון דעם ים־הגדול.

דא האט די ביבעל־פארשונג פון ז... געקריגען גאר

אן אנדער חן. ניטא קיין בעסערער פּרוש אויף א שווערען קאפּיטעל פון תנ"ך — ווי די בערג פון יהודה, בעזונדערס ווען מע זעהט זיי פון ז...'ס הויכען באלקאן.

דער תנ"ך איז דאך ניט געווען גענוג אויסצופילען די גאנצע צייט פון דעם קליין־געוויקסיגען אבער ענערגי־שען שיקאגא'ער האלסיילער. ער איז ניט געוואוינט גע־ווען צו זיצען מיט פערלעגטע הענד. האט ער זיך אריינ־געווארפען מיט דעם אלטען אימפּעט אין כלל־ארבייט, האט געהאלפען איינפיהרען אין דער קאלאניע א סיסטעם פון וואסער־לייטונג, האט איינגעארדענט די פּאסט און איז א צייט לאנג געווען אליין דער פּאסט־מייסטער, האט זיך פיעל בעשעפטיגט מיט דער אויסבעסערונג פון דער לאגע פון די תימנים און האט אויף פערשיעדענע אופנים אנטייל גענומען אין דער אויפבויאונג פון דער מושבה.

דערווייל האט דאס מיידעל פון שיקאגא זיך אויס־געלערענט גוט ריידען העברעאיש און איז געווארען א גר־טע רחובות'ער אידישע טאכטער.

דער לאגישער שדוך איז געווען: דער ניו יארקער יונגערמאן, וואס האט פיינד ניו יארק, מיט דער טאכטער פון דעם שיקאגא'ער, וואס האט פיינד שיקאגא.

א חוץ דעם, האט אפשר עמערסאן מיט'ן תנ"ך אויך געהאט א שטיקעל חלק אין צוזויפּברענגען די צוויי צדדים...

צוזאַמען מיט זיין ווייב, די געוועזענע האַר־סקוהל מיידעל, האָט מ... גענומען שטודירען אַגראָנאָמישע ביכער, בעזונדערס אַזעלכע, וואָס האָבען צו טהאָן מיט קאַליפאָרניען, וועלכע איז קלימאַטיש עהנליך צו ארץ ישראל.

א סך פון די נייע אַגריקולטורעלע מעטאָדען, מיט וועלכע מ... האָט זיך אָנגעלייענט אין זיינע ספרים, האָט ער טאַקי שוין געפּרובט איינפיהרען אין זיין ניי־געפלאַנצטער באַיאַרע. דער רעזולטאַט פון די עקספּערימענטען איז נאָך דערווייל אין ספק... עלטערע קאָלאָניסטען פערקרימען מיט די ליפּען.

מאַדאַם מ... האָט שוין אַ פיעל בעסערען ערפאָלג מיט איהר בלומען־גערטעל וואָס זי האָט איינגעפלאַנצט פאַר'ן הויז, אויף וועלכען זי פּאַסט אַליין אויף. פאַראַן דאָרט אַלערליי מינים און די יונגע בעל־הבית'טע איז זעהר שטאָלץ מיט זיי.

ניט ווייט פון דעם הויז וואו ז... וואוינט, שטעהט די שעהנע ווילאַ פון דעם פרומען גביר ס..., וואָס קומט אַהער אַלע יאָהר פון אויסטראַליען אויף איינינע חדשים. ער איז אַ גרויסער פאַבריקאַנט און מע שאַצט איהם אין מיליאָנען. די גאַנצע צייט, וואָס ער געפינט זיך אין רחובות, זיצט ער כמעט יומם ולילה און לערענט.

הינטער זיין הויז האָט ער געלאָזט איינפלאַנצען אַ פּרדס. איך קלער אַז דער עיקר זיינען דאָרטען די אתרוג־בוימער.

ס'וועלען אַוועק אַ פּאָאַר יאָהר, וועט ער קענען אין

וויסטען „סידני" בענשען אויף א „פרי עץ הדר" צוגעשיקט פון זיין אייגענעם בוינגארטען אין ארץ ישראל. דאס איז **ז י י ן** ספארט.

צוליעב ס... און ז... רופט מען די גאס, וואו זיי וואוי־נען, „רחוב המיליונירים"...

פון ס...'ס צדקות דערצעהלט מען אלערליי געשיכ־טען. ווי אן אמת פרומער איד גלויבט ער אין געבען צדקה בסתר.

איז, ווען ער קומט דאוונען אין שוהל, לאזט ער אי־בער אויף זיין שטענדער א פאאר ענגלישע פונט סטער־לינג...

אבער אזוי ווי א סך וואסווארפען זיך ארום מיט ענגלישע **ג א ל ד** - מטבעות, זיינען **אין רחובות ניטא,** געפינט מען עס תיכף אויס...

מעשה שטן.

זיך בעראטהענדיג מיט מ... וועגען א וואוינונג פאר אונז, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז ער אליין האט א הויז, וואס ער קען אונז פערדינגען.

דאס הויז איז אייגענטליך ניט זיינס, אבער עס איז אזוי גוט ווי זיינס. ער איז דער אויפזעהער און דער פער־וואלטער. דאס הויז געהערט צו אן אמעריקאנעם און טא־קע צו זיינעם א ברודער. דער ברודער זיינער האט א גרויס געשעפט פון מעבעל אין א קליין שטעדטעל אין פענסיל־

וויניא, איהם געהט דארט זעהר גוט, אבער ער האט בדעה פריהער־שפעטער זיך צו בעזעצען אין רחובות.

פאר דעם צוועק האט ער דורך זיין ארץ־ישראל׳־דיגען ברודער שוין בעצייטענס געקויפט א הויז און א שטיק לאנד ארום דעם הויז, און געלאזט דאס לאנד פער־פלאנצען מיט אלע מיני פרוכט־בוימער.

אין א פאאר יאהר ארום וועלען די בוימער זיין פול־געוואקסען, און אז דער ברודער פון פענסילווייניא וועט קומען מיט זיין פאמיליע, וועט ער געפינען אלצדינג גרייט. דער ברודער אליין וואלט געוואלט קומען כאטש שוין. איהם שטעהט שוין לאנג ווי א ביין אין האלז דאס לעבען פערווארפען צווישען גוים. זאגט אבער זיין ווייב, אז מע מוז אפווארטען א פאאר יאהר ביז די קינדער וועלען ענ־דיגען האי־סקוהל. ווארט ער צוליעב שלום־בית.

די דאגה וועגען א דירה איז אונז געלעגען ווי א מיהלשטיין אויף׳ן קאפ און אז מיר האבען געהערט פון מ..., אז ער האט פאר אונז א פאסיג הויז, האבען מיר זיך שטארק דערפרעהט. לאזט זיך מיט אמאל אויס, אז אונ־זער שמחה איז געווען אביסעל צו איילינ.

דאס הויז געהערט טאקע מ...׳ס ברודער און מ... איז טאקע דער בעל הבית, אבער אין הויז וואוינט א שכן. און דער שכן וויל בשום אופן ניט ארויסציהען. די וואוינונג געפעלט איהם. איבעריגענס קען מען איהם ניט פערדענ־קען, וואס עס געפעהלט איהם. ווי מ... דערצעהלט, איז דער שכן פרינציפיעל קעגען צאהלען דירה־געלד און אז מע

קומט נאך דירה־געלד, נעהמט זיך זיין ווייב זידלען.

מ. איז א ווייכער מענש. דערשרעקט ער זיך און ציהט זיך צוריק פון שונא'ס לאגער אזוי גיך און אזוי סטראטעגיש ווי ער קען.

צום אונגליק איז דער שכן א בעל־מלאכה, א מאלער און א קאלכער. טענה'ט ער, אז מ... מוז ארויסנעהמען דאס דירה געלד אין ארבייט. אי עס איז ניטא קיין ארבייט? נעהמט ער און טהוט אן זיין פארטוך, פערקאטשעט די ארבעל און פארבט אב זיינע אייגענע לאדען אדער ער קאלכט אב די ווענד. נאך אלעמען איז דאך דאס הויז מ...'ס, דארף ער ממילא בעצאהלען פאר'ן מאליעווען און פאר'ן קאלכען. איז דער חשבון גלייך אויף גלייך. וואלט ער כאטש מאליעוועט ווי א מענש, וואלט נאך געווען א האלבע צרה, פארבט ער אבער אן אזעלכע מיתה־משונה'דיגע קאלירען, אז מע קען חלש'ען קוקענדיג.

קען זיך מ... קיין עצה ניט געבען.

— אפשר — זאגט ער — וועט מען קענען מיט גרטען פועל'ן. סמיליאנסקי וועט זיך אויך ארייגלעגען אין דער זאך, און דער קאלכער וועט האבען איינזעהענים.

בלייבט, אז מיר זאלען איבער'פסח'ן אין דעם „מלון".

דערווייל זענען מיר די בני יחידים אין אונזער האטעל. קיין געסט, אויסער אונז, זיינען ניטא, א חוץ ווענניט־וועלן א וואכעדיגער דורכפאהרער פון יפו אדער פון א דערבייאיגער קאלאניע, וואס דער בעל־אכסניא קוקט אויף איהם ווי אויף „בעסער ווי גארנישט".

דער עיקר זיינען די טוריסטען, וואס מע קוקט שוין די אויגען אויס אויף זיי א גאנצען ווינטער. אבער ז י י וועלען ערשט קומען שפעטער מיט איינינע וואכען.

בכלל צווישען דעם טוריסט און דעם תושב מאכט מען אין ארץ ישראל א גרויסען אונטערשייד. טוריסטען אליין ווערען איינגעטהיילט אין פערשיעדענע קאטעגא־ריעס. למשל, אין אמעריקאנער און אין געסט פון אנדערע לענדער; אין אזעלכע וואס ברענגען מיט א ס ך טשע־מאדאנעס און אזעלכע וואס קומען בלויז מיט א י י ן טשעמאדאן א. א. וו.

צו מיטאג קומען א פאאר קעסטניקעס, וואס וואוינען אין דער קאלאניע.

נעבען מיר זיצט דאס חן'עוודינע יונגע מיידעל מיט די קליינע שווארצע אויגען, לאנגע שווארצע ווימפערען און נעדיכטע ברעמען, וואס קומען זיך כמעט צוזאמען איבער דעם געטאקטען נעזעל. זי קומט פון אדעס, וואו זי איז גע־גאנגען אין גימנאזיע. זי וויל ווערען א לעהרערין אין איי־נער פון די שוהלען אין ארץ ישראל און לערנט פלייסיג העברעאיש.

אין דער קורצער צייט וואס זי איז דא האט זי א גרוי־סע פעולה געהאט און האט זיך שוין אויסגעלערענט צו ריידען גאר נישקשה'דיג — אידיש.

דאס מיידעל האט דא א פעטער. דאס איז דער ווייס־האריגער אלטער, וואס איך זעה איהם אפט פארבייגעהן,

אנגעטהאן ווי א פוילישער עקאנאם אין א קורצען יאק און די הויזען אריינגערוקט אין הויכע גלאנציגע רייט־שטיוועל. ער איז א אינזשעניער פון אדעם. מע זאגט יאקבי, אז ער איז שטיין־רייך. אנדערע לייגען נאך צו, אז ער האט זיך אמאל אונטערגע׳שמד׳ט.

ער האט אין רחובות געקויפט א שטיק לאנד און האט עס בעפלאנצט מיט ריצען־אויל בוימער. ער דענקט, אז ארץ ישראל איז בעשטימט צו ווערען אין דער צוקונפט די הויפט־צושטעלערקע פון דעם אוילינען אבפיהר מיטעל. דערווייל איז ער שוין ל ו י ז געווארען פון א גרויסער סומע געלד...

ער איז דאס דער יעניגער, וואס האט „אינזשענירט" דעם שטיינערנעם ארויפגאנג וואס פיהרט צו דעם בערגעל אויף וועלכען עס שטעהט די שוהל. די טרעפ זיינען לכתחילה געמאכט געווארען, כדי די אלטע לייט זאל אנקומען לייכטער צו געהען דאוונען.

אויסגעלאזען אבער האט זיך, אז פאר די זקנים פון דער קאלאניע איז פיעל גרינגער צו געהן מיט׳ן בערגעל ווי מיט׳ן שטיינערנעם ארויפגאנג.

קריכען די אלטע אויף דעם אלטען וועג און די יונגע קלעטערען מיט גרויסע שפרייזען אויף די נייע טרעפ...

XXIX.

„ד'הור על חעיל האמר"

חיינט האט אונזער האטעל אומגעריכט געקריגען געהויבענע געסט. די פרוי פון דעם ירושלים'ער פאשא איז געקומען מיט נאך צוויי יונגע דאמען. די מאנסבי־לען האט מען משלח געווען פון דעם פאדער־צימער ביז די פאשא'איכע מיט איהרע בעגלייטערקעס זיינען אריין אין זייער צימער.

אין האטעל איז באלד געווארען א הו־הא און א לויפענים. אלע ווײלע איז פון דעם אימפראוויזירטען הארעם געקומען א נייע בעשטעלונג. אזוי ווי א מאנס־ביל האט זיך זיי אויף די אויגען ניט געטארט ווייזען, האט נעביך קליביצקי'ס יונגע פרוי געמוזט אריינטראגען די פולע פלעשלעך ביער און ארויסטראגען די ליידיגע...

פערשטעהט זיך, אז דאס איז געווען אויף דעם חשבון פון דער קאלאניע.

כאפען א קוק האבען מיר ערשט געקענט אויף מאר־גען, ווען די דריי דאמען זיינען שוין געזעסען אויף דער געדונגענער קארעטע גרייט אפצופאהרען.

דעם פאשא'ס ווייב, א יונגע וויכלייביגע טירקינע, האט געטראגען א ווייסען דורכזיכטיגען יאשמאק, פון אונטער וועלכען מע האט דייטליך געקענט זעהן א ווייס רונד געזיכט. פון איבער'ן יאשמאק האבען געברענט א פאאר טיעפשווארצע אויגען, מיט לאנגע געדיכט־אנגע־פארבטע ברעמען...

ביי די בעגלייטערקעס איז געווען דאס געזיכט אפ־געדעקט. איינע איז געווען א ספרדישע יונגע פרוי, די ווייב פון דעם אדוואקאט מאיאל, וואס האט אויסגעזעהן מעהר אראביש ווי אידיש. די צווייטע איז געווען א שעהנע יונגע טערקישע מיידעל, וואס איז — ווי מע האט אויסגעפונען אין האטעל — ערשט ניט לאנג צוריק גע־קומען פון פראנקרייך, וואו זי האט זיך ערצויגען. ביידע זיינען געווען עלעגאנט אייראפעאיש געקליידעט.

אלע דריי האבען פליסיג גערעדט פראנצויזיש.

לכבוד די געסט זיינען געקומען צורייטען די אראַ־בישע פני פון די ארומיגע דערפער און האבען אין פראנט פון האטעל געגעבען א „פאנטאזיא", בעווייזענריג אלערליי קונצען אויף זייערע פלינקע אראבישע פערד. זיי זיינען געפלויגען ווי א וויכער אין געוועט, און אין סאמע מיטען גאלאפ זיך אויסגעדרעהט אזוי פלוצים, אז ס'האט זיך געדאכט אט פאלען פערד און רייטער צוזאמען. אנדערע האבען אין רעכטען געלויף זיך אראפגעבויגען כדי עפעס אויפצוהויבען פון דער ערד.

מעהר פאר אלעמען האט זיך געפלייסט אן אלטער

גרייז־גראהער שעיך מיט א גרויסען ווייסען טורבאן אויף'ן קאפ. ער איז געווען ממש ווי צוגעקלעפט צום זאטעל, און די דזשאקים פון „שיפסהעד בעי" וואלטען געשטאר־בען פאר קנאה, ווען זיי זעהען דעמדאזיגען שנעע־בערדי־גען רייטער.

שפעט אין אבענד, ווען מיר זיצען אין דעם שטילען עס־צימער און הערען ווי דער שטארקער ריח פון די בלי־הענדע מאראנצען שלאגט זיך אין די שויבען, שטעלט זיך אפ א רייטער נעבען דעם „מלון". עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין א יונגער שלאנקער בעדו־אינער. ער טראגט א לויזע שווארצע „אבאיע" ענג פער־שפיליעט ביים האלז. א ווייסע ברייטע „קעפיעה" פער־בונדען ארום קאפ מיט א דיקען שווארצען „אגאל" הענגט אראפ אויף די שולטערען. ארום די לענדען א גארטעל מיט קוילען. ביי דער זייט א ברוינינג. אויף די שטי־ווער קלינגענדיגע שפארען.

ער בעשטעלט עפעס צום עסען. דערווייל בעקענען מיר זיך און עס שטעלט זיך ארויס, אז דער בעדואינער רעדט נישקשה'דיג העברעאיש, שלעכט אידיש און זעהר גוט רוסיש.

זיין נאמען איז י..., זיין פאטער האט א באיארע האלבוועגס פון רחובות קיין ואדי־חנין. זיי לעבען צווישען אראבער און פערטראגען זיך מיט זיי זעהר גוט. א טהיי־ער פאלק די אראבער, מען דארף נאר וויסען ווי מיט זיי אומצוגעהן. אט ער ווייס ווי מיט זיי אומצוגעהן, זיינען

זיי איהם די בעסטע גוטע פריינד. פון זיינעם אז אראַ־
בישען שכן האָט ער דאָס אָפּגעקויפט די שקאַפּע זיינע,
וואָס ער וואָלט ניט פערבייטען פאַר כל הון דעלמא. ריכ־
טיג גערעדט, האָט ער נאָר אָפּגעקויפט איין פוס. ז׳די
געהערען צום אַלטען בעל הבית.

— איין פוס?

שמייכעלט ער מיט רחמנות אויף מיין וויסטער עם־
הארצות און ערקלערט מיר, אז אַן אראַבער וועט אויפ׳ן
לעבען ניט פערקויפען אַ שקאַפּע אַוואו ער זאָל ניט אויס־
מאַכען אַ תנאי, אז איין קיזשאַק אָדער מעהר פון די
וואָס זי וועט האָבען, זאָל געהערען צו איהם. דריי פיס
מיינט דריי קיזשאַקעס. צוערשט נעהמט דער געוועזענער
בעל־הבית זיין אָפּגעמאַכטען חלק. דערנאָך קומט דעם
קונה׳ס רייה.

לויבענדיג די שקאַפּע צורעדט ער זיך וועגען רייטען
בכלל. ניטאָ קיין בעסערע זאַך אויף דער וועלט ווי זיך
אוועקלאָזען אין גאַלאָפּ. ניט אומזיסט זאָגען די אראַ־
בער „ד׳הור על העיל חאמר" — דער רוקען פון אַ
פערד איז ווייַן.

אויפ׳ן דיליזשאַנס פאָהרט ער קיינמאָל ניט. דאָס
איז פאַר אַלטע לייט און ווייבער. און רייטען האָט ער
ליעב דוקא ביי דער נאַכט. מורא פאַר אַן אָנפאַל? זאָל
יענער מורא האָבען פאַר איהם. אַט האָט ער און זיינער
אַ יונגער חבר געוואָלט האָבען אַנוסטען שפּאַס, האָבען
זיי געמאַכט אַ בלומרשטיגען אָנפאַל אויף אַ קאַראַוואַן פון
אראַבישע קעמעל־טרייבער, איז געוואָרען אַ מהומה און

די טרייבערס זיינען צולאפען אין הוילען שרעק, איבער־לאזענדיג די קעמלען.

איז ער מיט זיין חבר אוועקגעריטען און זיי האבען ביידע שמארק הנאה געהאט פון זייער בעדואינישען שפיצעל.

ער קומט אין רחובות צוליעב דער פאסט (און אפשר צוליעב די שעהנע אידישע טעכטער ארום דער פאסט?) און דרך אגב כאפט ער זיך אריין אבים טהאן אין מלון קליביצקי.

אפשר ווילען מיר קומען אין זייער באיארע און זעהן ווי מע פאקט די לעצטע אראנזשען?

מיר זאגען איהם צו און דער בעדואינער געזעגענט זיך מיט אונז, שפרינגט ארויף אויף זיין „איין"־פיסיגע שקאפע און ווערט נעלם אין דער פינסטערנים...

צווישען די כרמים פאראן איז א וועג
פערטרונקען אין דופט פון מאראנצען,
דארט ווארט ביז די יונגע לבנה פערגעהט,
און שווארץ איז די געגענד אין גאנצען...

א פערד זאלסטו זאטלען א פלינקען פאר זיך
און פאר מיר זאלסטו זאטלען א צווייטען,
כ'וועל קומען ווען יעדער וועט שלאפען אין הויז
דורך פינסטערע שטעגען און בייטען...

און מיטברייינגען וועל איך צוויי רויזען געפליקט
פון גערטעל וואס וואקסט ביי מיין פענסטער,

אַ ווייסע צו שטעקען ביי זיך אין די האָאר,
אַ רויטע אין לאַץ דיר, מיין שעהנסטער...

דאַן שנעל אויפ׳ן זאָטעל און טוז דורכ׳ן פעלד,
עס וועט דיר ניט העלפען קיין בעטען,
אַ דריק מיט די שפּאָרען, איך וויל זיך מיט דיר
פערמעסטען און געהן אין געוועטען...

וועט סאָפּען דער נאַכט-ווינד פון ריחות בערוישט
און וואָיען פון ווייט די שאקאַלען,
אַ שאָם פון די כרמים וועט הערען זיך אָפּט
און אָפּטמאָל אַ שטערען וועט פאַלען...

וועט פלאַטערען וויים מיין אַבאַיע אין לופט,
וועט נעצען דער נאַכט-טהוי מיין שטערען,
וועסט דו ניט און איך ניט מעהר ריידען אַ וואָרט,
נאָר קלאַפּען דיין הארץ וועל איך הערען...

און קלאַפּען מיין הארץ וועט אַן ענטפער צו דיר,
אַזוי ווי אַ האמער וואָלט שלאָגען,
וועט גיכער און העכער זיך הויבען די ברוסט,
און שנעלער דעם פערד וועל איך יאָגען...

און וועל איך גאָר פּלוצים פערהאַלטען דעם פערד,
ניט טהו זיך מיין גבור דערשרעקען —
איך קען אין דער נאַכט דיינע אויגען ניט זעהן,
און כ׳וויל זיי מיט קושען בעדעקען...

XXX.

חיות

אזוי ווי איך האָב ליעב ארץ ישראל, אזוי האָב איך פיינט שלאַנגען. אַז דר. מאַסינזאָהן איז, מיט אַ יאָהר פינף צוריק, געקומען אויף אַ בעזוך קיין אַמעריקא, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אַן דער ערשטער געלעגענהייט איהם אַ פרעג צו טהאָן, ווי שטעהט עס עפּעס אין ארץ ישראל מכח שלאַנגען.

זיין בעריכט איז געווען:

— אין ארץ ישראל זיינען פאַראַן גענוי הונדערט פערשיעדענע מינים שלאַנגען. אכט און ניינציג פון זיי זיינען ניט שעדליך, ניטאָ זיך וואָס פאַר זיי צו שרעקען. די איבעריגע צוויי זיינען דוקא יאָ גיפטיג. נאָר...

— נאָר וואָס?

— נאָר א ה ר נ י זאָגט, אַז די דאָזיגע צוויי מינים האָט נאָך קיין ילוד אשה אין ארץ ישראל ניט געזעהן.

און ווער איז אהרני?

אהרני דאָס איז דער ארץ־ישראל׳דיגער זאָאָלאָג, וואָס

געפינט אוים אלע חיות און פויגלען פון ארץ ישראל, און א חוץ דעם געפינט ער אוים פאר איטליכען פון זיי א העברעאישען נאמען, וואס דאס איז נאך שווערער ווי געפינען די חיה אליין.

קומענדיג קיין רחובות ווער איך געוואר, אז דער דאזיגער אהרני וואוינט בסך הכל א שפאן פון אונזער האטעל, און איך האלט עס פאר מיין חוב אריבערצוגעהן צו איהם און איהם פערזענליך בעדאנקען פאר די צוויי סארטען גיפטיגע שלאנגען, וואס ער זאגט, אז מע זעהט זיי אין ארץ ישראל נים אן.

איך געה ארויף אויף דעם קליינעם בערגעל אקעגען אונזער האטעל; שפרייז דורך דעם מארק, וואו א פאר אראבער זיצען צושפרייט אויף דער ערד און פערקויפען צו די בירגער פון רחובות מאראנצען גע׳גנב׳עט פון רחובות׳ער ביארעס; איך געה פערביי דאס פאסט־ביידעל און די אייקאליפטען; געה אריבער א ברייטע גריבערדיגע גאס, און שטעל זיך אפ נעבען א קליינעם הייזעל.

פון הינטער א הויכען שטאכעט שטעקט א משונה־דיג גרויסער עוף צו מיר אריבער א לאנגען האלז און גלאצט מיך אן מיט רונדע גלעזערנע אויגען. איך בין איהם קענטיג שטארק נים געפעלען, ווארום איידער איך האב נאך צייט איהם גוט צו בעטראכטען, שפרייזט ער מיט רוגזה אוועק צו דעם ווייטסטען ווינקעל פון דער אפ־צאהמונג און וויל מעהר אפילו מיין פנים נים אנקוקען.

— שלום! מה שלומך? — דער קול קלינגט אזוי ווי א גלאָק און הילכט אָפּ איבער דעם אנטקעגענדיגען בערגעל און איבער דער גאנצער שטילער קאָלאָניע.

איך דרעה זיך אום און דערזעה פאר מיר דעם איי־גענטימער פון דעם קול, א הויכען יונגען מאן מיט א וויי־סען זומער־שפרינקעלדיגען פנים, א לאנגער נאָז, פייער־דיג־רויטע האָר און פייערדיג־רויטע וואָנסעס — כאָטש נעהם און צינד אָן זיי אָן א ציגאר. אָנגעטהאָן איז ער אין ווייסען, דעם לאַץ פערקנעפּעלט ביז'ן האלז, אזוי ווי א סאניטאר אָדער א האָספּיטאל־דאָקטאר.

ער דערלאנגט מיר א ווארעמע זומער־שפרינקעלדיגע האנד און ווארפט א קוק דאָ אויף מיר און דאָ אויף דעם משונה'דיגען עוף, פון וועמעס וועגען ער האלט אין דער צווייטער האנד א קערבעל מיט יצוהאקטע קאקטוס־פלאנצען.

איך וואונדער זיך, וואָס די קאקטוסען זיינען אָהן שפּילקעס.

— דאָס איז מיין אייגענע ערפינדונג, — לאכט ער. און זיין הילכיגע טענאָר־שטימע קייקעלט זיך אוועק אזש ביז צו די הרי יהודה, — אייער לוטהער בורבאנק פון קאליפאָרניא האט געארבייט יאהרען נאכאנאנד ארויס־צובריינגען קאקטוסען אָהן שפּילקעס און עס איז איהם נאָך עד היום ניט אין גאנצען געלונגען, און איך האָב דעם קונץ בעוויזען אין א פּאָאר מינוטען. איך האָב פשוט געברויכט מיין ווייב'ס האקמעסער...

ער רעדט באלד העברעאיש, באלד דייטש און שווערט

אלע ווײלע אויף אראביש. מיט אידיש וויל ער די ליפען ניט פעראומרייניגען. די אידישיסטען—ימח שמם וזכרם.

— וואללאה־איל־אזים (ביי דעם שטארקען אלאה) !

שוין צוויי טעג ווי ער — ווייזענדיג אויפ'ן פויגעל, — האט א ביסען אין זיין שנאבעל ניט גענומען. ער לויפט ארום גאנצענע טעג ווי א משוגענער פון איין ווינקעל צום צווייטען און לעבט פון תעניתים... ער בענקט נאך די טרוקענע זאמדען פון דער וויסטע. דא איז איהם צו גריין און צו שעהן. אט וועט איהר באלד זעהן, אז ער וועט דעם זאפטיגען מאכל אפילו ניט אנריהרען.

אזוי ריידענדיג עפענט דער הויכער אהרני א קליין טהירעל אין דער אפצאהמונג, בייגט זיך איין כמעט אין דרייען און קריכט אריין אינעווייניג מיט דעם קערבעל קאקטוס אין דער האנד. דער שטרויס־פויגעל קוקט איהם אן מיט די קאלטע גלעזערנע אויגען און ווייזט ניט ארויס דעם מינדעסטען אפעטיט. דערפאר אבער ווייזט ער יא ארויס א גרויסען חשק דעם בעל־הבית זיינעם מכבד צו זיין מיט א בריק אין בויך.·. אהרוני איז הפנים גוט בעקאנט מיט זיין האדרוואניק'ס שפיצלעך און כאפט זיך האסטיג ארויס דורכ'ן טהירעל.

ער דערצעהלט מיר, אז ער האט זיך יאהרען לאנג ארומגעטראגען מיט דעם פלאן צו האדעווען אין רחובות שטרויס פויגלען און צו ברייננען אהער פאר דעם צוועק א פאאר, ניט פון אפריקא, פון וואנען מע נעהמט זיי געוועהנליך, נאר פון דעם סירישען מדבר. איז ער אהין אוועק און מיט גרויס מיה און מאטערנים איז איהם

געלונגען צו קריגען וואס ער האט געזוכט. דאס ברייני־
גען די שטרוים־פויגלען אזש פון דער וויסטע ביז רחובות
איז אנגעקומען מיט קריעת ים סוף. פאר דעם חברה־
מאן, וואס איך זעה דא, האט מען אויפגעבויט א
שטייג פון דיקע ברעטער, האט ער איהם מיט זיינע גרויי־
סע פיס צובראכען אויף שפענדלעך און געוואלט עוקר
זיין. האט מען געמוזט בויען נאך א שטארקערען שטייג.

די טהיר פון הויז איז נאסטשעז אפען און לאזט
אונז אריין אין א האלב־דונקעלען קארידאר, וואס איז
איז צוגלייך די קיך. פון דארט קומען מיר אריין אין
איינעם פון די צוויי צימערען, וואס דער פאטער פון דער
העברעאישער זאאלאגיע בעוואוינט. דאס צימער דיענט
דעם דרייפאכען צוועק פון א עס־שטוב, א קאבינעט אדער
ביבליאטהעק און א מוזעאום. דאס איז אלץ געשמועסט
ביי טאג, ביי נאכט ווערט עס מגולגל אין א שלאפצימער
פאר א טייל פון דעם טהיער־פארשער'ס משפחה.

די ווענד זיינען בעהאנגען מיט ראהמען, אין וועל־
כע עס זיינען אויפגעשטאכען הונדערט מינים פון אלער־
ליי קאלירטע שמעטערלינגען, זשוקעס, פליגען, שפינען,
ביענען און מוראזשקעס — אלע ארץ־ישראל־דיגע תושבים
וואס אהרני האט געכאפט אין זיין לאנג־יעהריגען געיעג
נאך די דאזיגע קליינע ברואים'לעך.

אויף די פאליצעס, אויף די פענסטער און אויף
דער ספרים־שאף שטעהען סלאיעס מיט פערשיעדענע
מינים איינגעמארינירטע שלאנגען, מייז, יאשטשערקעס,

פרעש און נאָך אַזעלכע שעהנע בעשעפעניסען, וואָס האָבען דעם זיבענטען חן אין די אויגען פון אַ זאָאָלאָג.

אין די ווינקלען, אונטער דער אָפּגעריבענער זאַפּאַ, און וואו נאָר עס איז דאָ אַ ליידיג אָרט שטעהען קעסטלעך מיט אייעלעך, אויסגעשטאָפּטע פויגעלעך און אַלערהאַנד זעלטענע חיה׳לעך.

הויבט מיר אהרני האַסטיג אויסרעכענען די נעמען פון איטליכען, אין לאַטייניש, דייטש און העברעאיש. אַ סך העברעאישע נעמען זיינען דאָ אין די מדרשים, אַ סך מוז מען אַליין מאַכען. דאָס פאָדערט אַ גרינדליכע קענטעניס פון העברעאיש, אַ פיינעם חוש פאַר דעם גייסט פון דער שפּראַך און אַן אינטימע בעקאַנטשאַפט מיט די איינגעטהימליכקייטען פון די בעלי־חיים.

שאַפען די העברעאישע נוֹמענקלאַטור, דאָס איז דער שווערסטער טהייל פון דער אַרבייט. ער אַרבייט איצט אויף אַ זאָאָלאָגישען לעהר־בוך ספּעציעל געמאַכט פאַר ארץ־ישראל׳דיגע תלמידים. מיט די חיות און פויגלען איז ער שוין פאַרטיג. איצט האַלט ער ביי די פישען.

ער דערצעהלט מיר וועגען דער „שפיפון", אַ קליינעם גיפטיגען פּיפּערנאָטער, וואָס ער האָט געטראָפען אויף די וועגען אין דער סירישער וויסטע. דער דאָזיגער „שפיפון" האָט אַ טבע זיך צו בעהאַלטען אין זאַמד און וואַרטען ביז עס קומט אָן אַ רייטער. דענסמאָל גיט ער אַ שפּרונג און בייסט איין דעם פערד׳ס פוס.

— די אויספאָרשונג פון די חיות און עופות אין ארץ־ישראל, — רעדט ער הילכיג און אַרבייט מיט די

הענד ווי א ווינד־מיהל, — העלפט פערשטעהן דעם תנ"ך בעסער און ווייזט־אויף א סך טעותים, מיט וועלכע אונ־זערע עלטערען אין גלות האבען זיך ארומגעטראגען.

— אט נעהמט למשל דעם פסוק „הרחיבי כנשר קרחך". ווי האט מען עס אייך פערטייטשט? מסתמא ווי מיר און ווי אלע אידישע קינדער וואס זיינען געגאנ־גען אין חדר: מאך א גרויסען פליך אויף דעם קאפ אזוי ווי אן אדלער. ווי איז אבער דער דין, אז אן אדלער האט דוקא א שעהנעם קאפ האאר? איז דער תירוץ, אז „נשר" איז גאר ניט קיין אדלער, נאר עס מיינט ווי דאס אראַ־בישע ווארט „ניסר" — א גייער, א קארשון, א פויגעל, וואס האט ניט קיין סימן האאר ניט אויפ'ן קאפ און ניט אויפ'ן האלז. וואס, איהר זייט מסופק? וואללאהי־איל־אזים, איך קען אייך איסרעכענען דרייסיג בעווייזען, ראשית...

איך האב זיך אפגעבעטען. איך האב איהם פערזיכ־ערט, אז איך בין בטבע ניט קיין פערלאנגער. פאר אזא אידען ווי איך איז נענוג איין בעווייז און פון היינט איז „נשר" ביי מיר מעהר קיין אדלער ניט, ווען עס זאלען אפילו קומען מלכי מזרח ומערב.

ער דערצעהלט מיר פון דער עקספעדיציע, אין וועל־כער ער האט אנטייל גענומען. דאס איז געווען מיט יאהרען צוריק. אבדול־חמיד איז נאך דעמאלס געווען סולטאן. ביי זיין גאנצער דיפלאמאטישער פערשפיצט־קייט און בלוט־דורשטיגער גרויזאמקייט, איז דערדאזיגער סולטאן געווען א גרויסער ליעבהאבער פון נאטור־פאר־

שונג. האט ער דעם בערלינער פראפעסאר בלאנקענהארן געגעבען דעם אויפטראג צו מאכען אן עקספעדיציע דורך טערקיי, כדי אויסצופארשען די צמחים און די חיות און פויגלען, וואס געפינען זיך אין זיין מלוכה. האט פראפ. בלאנקענהארן איינגעלאדען אהרני'ן צו זיין א מיטגליעד פון דער עקספעדיציע. צוריקקומענדיג פון דער עקספעדיציע האט מען איהם פארגעשלאגען צו ווערען דער קוראטאר פון סולטאנ'ס זאאלאגישער זאמלונג, מיט א גרויסע שכירות, אבער ער האט זיך ענטזאגט. זיין ארט איז ארץ-ישראל. און זיין ארבייט געהערט דעם אידישען פאלק. ער וויל, אז מציון תצא תורה און ארץ-ישראל'דיגע זאאלאגען זאלען שפיעלען א הויפט-ראלע אין דער וועלט פון זאאלאגישער וויסענשאפט.

ער וויזט מיר א בראשורע, וואו עס ווערען בעשריבען פערשיעדענע נייע מינים, וואס זיינען ערשט נים לאנג ענטדעקט געווארען. איינער פון זיי איז: "Rubo Bubo Ahroni" א סאווע, וואס „דער זאאלאג אהרני אויס רחובות" האט צוערשט ענטדעקט.

ער שמייכעלט מיט מעהר ווי א שמינית שבשמינית גאוה און די פייערדיגע וואנסעס ווערען נאך פייערדיגער.

ער רעדט מיט א ברען, מיט מסירת נפש, זיין הילכיגער טענאר-שטים פילט אן דאס קליינע צימער און די טרוקענע באבעלקעס ציטערען אזש אויף די ווענד.

פארבייגעהענדיג געפין איך אויס, אז ער איז א שוועסטער-קינד פון דעם וועלט-בעריהמטען טענאר יאדלאווקער. דער הילכיגער קול איז א משפחה-פעהלער.

עס קומט אריין א הויכע פרוי מיט האאר נאך רויד־מער ווי זיינע. און ער שטעלט מיר פאר: זיין ווייב. איך זעה פון איהר ריידען, אז זי האט זיך מיט לייב און זעעל אריינגעלעבט אין איהר מאנ׳ס ארבייט.

אהרני קוקט אויף איהר און זיינע אויגען גלאנצען מיט שטאלץ און מיט ליעבשאפט:

מיין ווייב האט א בעסערען קאפ ווי איך. ווען זי שטודירט זאאלאגיע, וואלט זי געווען א בעסערער זאא־לאג פון מיר.

זי דערצעהלט מיר, אז זיי לערנעןביידע צוזאמען ענגליש. זיי שטעהען אויף פארטאג. בייטאג האט קיינער פון זיי קיין צייט ניט. ער איז פערנומען מיט זיינע פויג־לען און זי אין הויז און מיט די קינדער. זי בעט איך זאל זיי פערהערען. טהו איך איהר רצון און געפין אויס, אז פאר די קורצע צייט וואס זיי לערנען זיך האבען זיי גע־מאכט א גוואלדיגען פארטשריט.

— אהן ענגליש, — ערקלערט זי מיר, — קען זיך אהרני ניט בעגעהן. ער איז געווען אין לאנדאן כדי צו פערקויפען זעלטענע פויגעל־אייער צו ראטהשילד׳ן, איז זיין ניט קענען ענגליש געווען א גרויסע שטערונג. האבען זיי בעשלאסען זיי זאלען זיך ביידע לערנען ענגליש. ס׳הייסט אייגענטליך דארף ער זיך בלויז לערנען, אבער זאלבעצווייט איז היימליכער. לערנען זיי זיך ביידע.

איך בין ניט קיין מבין אויף זאאלאגיע, אבער אויף ענגליש בין איך געווען גענוג מבין צו זעהן, אז זי האט א גרעסערע פעולה געטהאן פון איהם.

אין דער אפענער טהיר בעוויזט זיך א קליין אינ־
געלע פון א יאהר זעקס און קוויטשעט ארויס אויף א
שארפען קול׳כעל:

— אדון אהרני, הנה זבוב גדול...

נעהמט אהרני צו די גרויסע פליעג פון דעם קליי־
נעמ׳ס פינגער, בעטראכט זי פון אלע זייטען שמוצערט
מיט די ליפען און שאקעלט דעם קאפ מיט געוואלדיגער
התפעלות.

דערנאך גיט ער א גלעט דעם קליינעם אינגעל אי־
בער׳ן קעפעל און קלינגט ארויס:

— תודה רבה חביבי, זה באמת זבוב יפה...

ווערט דאס אינגעלע רויט ביז די אויערען און
שפרינגט א לוסטיגער ארויס דערצעהלען זיינע חברים
וואס „אדון אהרני” האט געזאגט פון זיין פליעג.

אז דאס אינגעלע איז שוין אוועק, לאזט אהרני
ארויס די פליעג דורכ׳ן פענסטער:

— די קינדער פון דער מושבה ברייגען מיר אלץ
וואס זיי געפינען אין פעלד... פערשטעהט זיך, אז אין
ניין־און־ניינציג פאלען זיינען עס אזעלכע מינים, וואס
איך זוך לחלוטין ניט. אבער זייער כונה איז גוט. זיי
ווילען מיר העלפען אין מיין ארבייט...

עס בלייבט מע זאל טרינקען טהעע.

הויבט זיך אן אן עסק מיט אפראהמען דעם זאאלא־
גישען טיש. צוערשט ביכער קליינע און גרויסע, דער־

נאך הויפענס מיט מאנוסקריפטען, ואחרון אחרון חביב, א קעסטעל מיט פערטריקענטע באבעלקעס.

אפגעראהמט און אפגעווישט די סאראטע, זעצען מיר זיך ארום טיש. דער זאאלאג און זיין ווייב אויף דער אפגעריבענער סאפא און איך אויף א שטוהל. וואס ווי נאר איך טהו זיך א ריהר, לאזט ער ארויס א מורא'דיגען קרעכץ.

טהו איך אין מיטען דערינען א פרעג, צי עס פאסירט ניט, אז זיינער א זאאלאגישער עקזעמפלאר זאל קאליע ווערען, ווייל ער ווערט ניט ריכטיג געהאלטען.

דער זומער־שפרינקעלדיגער פנים וואס איז ביז עתה געווען זעהר אויפגעראהמט, ווערט מיט אמאל פערוואלקענט, דער רויטער קאפ בייגט זיך אראפ און ער קוקט אויף די סלאיעס און זיפצט:

— עס פאסירט, עס פאסירט... צו האלטען ווי עס געהער צו זיין, בעדארף מען האבען א מוזעאום... ווען איך האב מיינע פיער־פינף טויזענד פראנק בוי איך א מוזעאום...

— וואס וועט איהר מיט אזא קליינע סומע קענען אויפטהאן?... דער בויען אליין דארף קאסטען ניט דער ערך מעהר.

מישט זיך אריין דאס ווייב:

— אהרני קען העכער ווי פינף טויזענד פראנק ניט צעהלען... זיין השגה אין געלד־זאכען געהט ניט ווייטער.

איך בין נייגעריג צו וויסען, אויב עמיצער פון די

ציוניסטישע טהוערס אָדער אנשטאַלטען האָט זיך ווען עס איז אינטערעסירט מיט זיין ארבייט...

— מע האָט עפּעס בלומרשט יא גערעדט וועגען גע-בען צו שטייער א טויזענד פראנק א יאָהר, אָבער עס איז דערפון גאָר נישט געוואָרען...

ער ווערט נאָך טרויעריגער און זיין קול דאכט זיך איז ניט מעהר אזוי הילכיג ווי געווען:

— איהר האָט ניט ווילענדיג אָנגעריהרט נאָך א טי-פערע וואונד... אָט אדרבא הערט. מיר איז געלונגען צו קריגען אין דער געגענד פון דעם לבנון א געשאָסענע היר-שין, אַן אילת אהבים... איך גלויב, אז זי איז די לעצטע פון איהר מין און דער איינציגער עקזעמפּלאַר אויף דער וועלט. איך האָב דאָס פעל און דעם סקעלעטאָן גרייט אויסצושטאָפּען. יעדער מוזעאום וואָלט געווען א בעלן אויף אזא יקר המציאות. איין מוזעאום אין אויסלאַנד האָט מיר אָנגעבאָטען א זעהר הויכען פּרייז. אָבער איך וועל בעסער פערקויפען אויסגעבלאָזענע אייעלעך פון ווילדע פויגלעך און לעבען ווי עס איז, איידער ארויסצו-לאָזען פון ארץ ישראל די לעצטע „אילת אהבים". איך וועל עס האַלטען פאַר אונזער ערשטען זאָאָלאָגישען מו-זעאום, און אזא מוזעאום מוזען מיר האָבען.

— וואַללאַה־איל־אזים מיר וועלען איהם האָבען... ס'איז נאָר א וועהטאָג, וואָס קיינעם פון אונזערע גרויסע פאַרשטעהער קרענקט נאָר דאָס הארץ ניט וועגען דעם... שטעלט אייך פאָר — ער איז פון איפרענונג אזש אויפ-געשפּרונגען — איין איינציגער עקזעמפּלאַר אין דער גאַנ-

צער וועלט און א פאלק פון דרייצעהן מיליאן און ניטא
ווער עס זאל איהם אפקויפען פאר ארץ ישראל...

דאס ווייב, וואס א חוץ לערנען מיט׳ן זאאלאג צו־
זאמען ענגליש האט זי נאך די אויפגאבע „צו שפאלטען
א גרויס אין צווייען״, איז געזעסען די הענד פערלעגט
אויפ׳ן שויס און האט זיך צוגעהערט צו דעם מאן׳ס רייד
און גרויסע טרעהרען זיינען איהר גערונען אויף די
באקען.

אין דעמזעלבינען צימער, וואו מיר זיינען איצט
געזעסען און האבען בעשלאסען, אז די כנסת ישראל איז
ווערטה מע זאל זי הענגען, איז מיר מיט א פאאר וואָ־
כען שפעטער אויסגעקומען בייצוואוואוינען איינע פון די
שעהנסטע און פריידיגסטע סצענעס, וואס איך האב ווען
עס איז בייגעוואוינט אין מיין לעבען.

עס איז געווען א יומא דפגרי, און די קינדער פון די
שוהלען פון די ארומיגע קאלאניעס זיינען צוזאמען מיט
זייערע לעהרערס געקומען אומיסנע בעקוקען „אדון
אהרני׳ס מוזעאום״.

אזוי ווי דאס צימער איז געווען אן ענגס און די
צאהל פון די תלמידים זעהר גרוים, האט מען זיי אריינ־
געלאזט צו צעהן־פופצעהן אויף א מאל. אזוי שנעל ווי
איין קליינע מחנה איז ארוים, איז די אנדערע אריין.

אין מיטען צימער נעבען דעם טיש איז געשטאנען
דער רויט־האאריגער אהרני און זיין פנים האט געשיינט
ווי די זיבען זונען.

אויסגעשטאָפּטע חיה'לעך און פויגלעך אַרויסגענו־מען פון אונטער דער סאָפאַ און פון די פּעקלעך און קעסט־לעך וואָס זיינען געשטאַנען אין די ווינקלען — זייַנען געלעגען הויפענסווייז צונגעלעגט אויפ'ן טיש.

די קינדער מיט גליהענדע אויגלעך און צופלאַמטע בעקלעך, האָבען זיך פון אַלע זייטען געדרענגט אַרום דעם הויכען זאַאַלאַג, די קלענערע פון פאָרענט, די גרע־סערע פון הינטען.

— ילדים! איהר זעהט דעמדאָזיגען פויגעל, ער האָט זעהר אַ לאַנגען שנאָבעל, ער לעבט פון די פיש וואָס ער כאַפּט אונטער'ן וואַסער...

מוז איטליכער פון די קינדער אָנטאַפּען דעם פויגעל מיט די אייגענע הענד, אויב ניט אין גאַנצען, איז כאָטש אַ פיסעל, אַ שפּיץ שנאָבעל אָדער אַ פעדערל. זעהט אהרני, אַז קיינער זאָל ניט געקריוודעט ווערען.

עס פליהען אַלערליי קינדערשע שאלות, און אהרני ענטפערט אויף זיין געוועהנליכען הילכיגען קול, און שיל־דערט ווי די פויגלען עסען, ווי זיי שלאָפען, ווי זיי בויען נעסטען, און ווי זיי היטען זיך פאַר זייערע שונאים. דער־ביי פלעכט ער אריין אַלערליי המצאות, פון וועלכע די קינדער קייכען אַזש פון געלעכטער, און די גרויסע לעה־רערס וואָס זיינען מיטגעקומען מיט די קינדערלעך לאַכען. און די זשוקעס, און די באַבעלקעס אויף די וואַנד לאַכען, און אפילו די איינגעמאַרינירטע יאַשטשערקעס אין די סלאָיעס לאַכען...

XXXI.

עוברים ושבים.

ס'האַט אין דער טיעף אַן אַלטע קוואַל געשלאַגען,
אונ שפּריצט אַרוים דורך טויזענד קרומע וועגען,
אונ וואַלסטו איטליכען בעזונדער פרעגען:
„וואָס טרייבט דיך דאַ?" — ווער וואָלט דעם אמת זאָגען?

וואָלט איינער זאָגען: קברים צו בעזוכען...
אַ צוויטער: לוסט דורך רוהם־בעדעקטע טהאָלען
אונ בערג צו וואַנדערען... אַ דריטער: מאָלען...
אַ פיערטער: היילונג פאַר זיין ליב צו זוכען...

אונ קיינער וועט דיר אָפען ניט אַנטפּלעקען,
די וועהען וואָס די ברוסט פערבאָרגען צופּען,
דעם באַנד פון לאַנד וואָס בינדט מיט כשוף־קנופּען,
דעם רוף פון היים וואָס הערט ניט אויף צו וועקען...

מיר זיינען ניט מעהר קיין בני־יחידים אין אונזער האָטעל. יעדער טאָג ברענגט אַלץ נייע געסט, פערשיי־דענע מינים אידען פון פערשיידענע לענדער.

עס קומען לאַנג־בערדיגע אידען, וואָס אז עס פאַלט אַרוים אַ האָאר פון זייער באָרד לעגען זיי איהם אריין צווישען די בלעטער פון אַ זוהר. אונ עס קומען אזעלכע וואָס האָבען ניט קיין שום סימן פון אידישקייט ניט

אויפ׳ן פּנים און ניט אין זייער שפּראַך און מע מוז זיי גלויבען אויפ׳ן וואָרט.

אַ קבוץ גליות...

נעכטען זיינען אָנגעקומען דריי נייע געסט. אַלע דריי בכבוד׳ע בעלי־בתּישע חסידים פון קאַלישער געגענד. איינער, מיט אַ געדיכטער ברוינער באָרד, איז אַן עקאַ־נאָם אין אַ גרויסען גוט. ער האָט דערויף אַ סימן. אויף דער רעכטער האַנד פעהלט דער גראָבער פינגער. ער האָט בעוויזען די אַרבייטער ווי זיך נוהג צו זיין מיט אַ דרעש־מאַשין, האָט די דרעש־מאַשין זיך צוגעאיילט און איהם אָרונטערגעכאַפּט אַ פינגער.

די דריי אידען זיינען אַהער געקומען זיך אויב זיי וועלען ניט קריגען קויפען אין גאַליציען געלט אַ שטיק לאַנד אָדער אַ פּרדס. אויב זיי וועלען געפינען עפּעס רעכטס, וועלען זיי פאָהרען אַהיים ליקווידירען זייערע געשעפטען און וועלען אַריבערברייננגען אַהער זייערע פאַמיליעס.

דער עקאָנאָם ווערט מיט מיר אַ נאָהנטער מקורב פון דער ערשטער רגע. צוערשט רעדט ער מיט מיר תורה. ער דערצעהלט מיר זיינס אַ פּשט׳ל אויף דעם פּסוק „ובני ישראל יוצאים ביד רמה״. דערביי מאַכט ער מיט דעם אָרט אַוואו עס וואָלט געווען אַ גראָבער פינגער ווען ניט די דרעש־מאַשין.

ביסלעכווייז גיסט ער אויס פאַר מיר זיין גאַנץ האַרץ.

אפשר אין קאליש וואלט ער זיך מיט אזא אידען ווי איך גאר ניט אריינגעלאזען אין אזא טיעפען שמועס. אבער ער ווייס, אז איך בין פון ווייט געקומען אין ארץ ישראל, און אונזביידען האט גענאגט און געטריבען דערזעלבינער וועהטאג... רעדט ער צו מיר ווי צו אן אלטען פריינד.

מיאוס געווארען צו לעבען אין גלות... עס פעהלט איהם ניט פון פויגעל מילך. אפילו אין בעסטען אופן וועט ער אזא רחבות, ווי ער האט אין חוץ לארץ, אין ארץ ישראל ניט האבען. אבער ער זוכט ניט קיין גליקען. לחם לאכול ובגד ללבוש פאר זיך און פאר זיין משפחה, דאס איז אלץ וואס ער וויל...

דער איינגסטער פון דער גרופע, א איד פון א יאהר פינף און פערציג, איז אין זיבענטען הימעל. ער קען ניט איינזיצען א רגע אויף אן ארט. אלע ווייל לויפט ער ארויס פון האטעל, טהוט א זופ זונענשיין, כאפט א קוק אויף די הייזער, אויף די בוימער, אויפ'ן הימעל און קעהרט זיך אום א גליקליכער, א שמייכלענדיגער...

אויפגעשטאנען איז ער גאנץ בעגינען און איז תכף אוועק מיט א גרויסען סאמעטענעם טלית־זאק אונטער'ן ארעם אין שוהל אריין. צוריקגעקומען איז ער ערשט ארום עלף א זייגער. ווען דאס טישטוך איז שוין געווען געלעגט פאר וואָרעמעס. זיין פנים האט געשיינט.

מיט פריהשטיק האט ער זיך ניט געאיילט. ס'איז איהם קענטיג גאר אין זינען ניט געלעגען. ער האט נאר

געהאַלטען אין איין רייבען די הענד און זאָגען מיט א האַלב־זינגענדיגען טאָן:

— וואָס פאַר א צהריער לאַנד! וואָס פאַר א טהיי־ער לאַנד!

אָבער דוקא די טהייערקייט פון לאַנד האָט דעם ניין־פינגערדיגען עקאָנאָם, וואָס איז קענטיג געוועזן דער פיהרער פון די דריי, שטאַרק אראָפּגעשלאָגען פון מוטה. וואו ער האָט זיך נאָכגעפרעגט האָט מען איהם ערקלערט, אַז א גוטע באַארע, וואָס א פאַמיליע זאָל קענען פון איהר לעבען בכבוד, דאַרף קאָסטען אַן ערך צוואַנציג טויזענד רובעל.

איז געבליבען ביי די אידען צו פּרובירען גליל. דעם עקאָנאָם האָט בכלל געצויגען מעהר צו לאַנד־ווירטהשאַפט ווי צו פרדסים. פאַרט אָבגעלעבט א לעבען צווישען קאָרן־פעלדער און לאַנקעס.

נאָכ'ן עסען האָט דער דריטער, א קיילעכדיגער איד־דעל פון א יאָהר פינף און פופציג, מיט א קורצען ארומ־געצופּטען בערדעל, פאַרגעלייענט יאושזאָהנ'ס א פעליע־טאָן אין „היינט". דאָרט איז געוועזן אויסגעטייטשט די פּאָליטיק פון ענגלאַנד לויט א מדרש פון „והאזינו". האָ־בען די דריי קאַלישער אידען שטאַרק אָנגעקוואָלען פון דעם.

דער עקאָנאָם איז פון גרוים מתיקות איינגעשלאָפען און האָט זיך צעכראָפּעט מיט אזא ברייטקייט אזוי ווי

ער וואָלט שוין געווען אַ תושב אין ארץ ישראל פון צעהנדליגער יאָהרען.

היינט זיינען צוגעקומען נאָך געסט, אַ איד פון אַ יאָהר זעכציג, אַ סוחר פון וואַרשא, מיט אַ ווייב און אַ טאָכטער. נאָך מיט יאָהרען צוריק האָט ער געקויפט אין רחובות אַ שטיק לאַנד און האָט עס געלאָזט בעפלאַנצען מיט מאַנדלען. ער איז געווען איינער פון די ערשטע גרינדער פון דער „מנוחה ונחלה”. קומט ער אַלע פאָאר יאָהר אָנקוקען זיין נחלה.

פאַרוואָס ער בעזעצט זיך ניט? — ביי איהם וואָלט מען אודאי גע׳פּועל׳ט, נאָר עול בנים... זיהן, טעכטער און איידעמס, אַלע הענגען אָפּ פון איהם. איז ער יוצא מיט דעם, וואָס ער שטאָט אָפּ אַ בעזוך זיינע מאַנדעל־ בוימער...

די טאָכטער געהען די מאַנדלען ווענינ־וואָס אָן. זי ערקלערט מיר, אַז „זי איז נאָך יונג און זי וויל לעבען”. וועגען דער ערשטער העלפט האָבען געקענט זיין חילוקי דעות, די צווייטע האָב איך געגלויבט באמונה שלמה.

איהר ווילען צו לעבען האָט אין רחובות אָנגענומען די געשטאַלט פון געהן שפּאַצירען צווישען די כרמים מיט די יונג־וואַרג פון דער קאָלאָניע.

דער אַלטער פערפעהלט ניט געהן דריי מאָל אַ טאָג דאַווגען, און אין זכות פון זיין קומען איז די רחובות׳ער שוהל רייכער געוואָרען מיט אַ שעהנעם הענג־לאָמפּ.

מיט א פאאר טעג צוריק איז דא דורכגעפאהרען
א יונגער חזן. לכתחלה — זאגט ער — איז ער געפאה־
רען קיין אמעריקא. איהם וואלט דארט געווען וואויל
ווי די וועלט. נאר עפעס דורך א פערדרעהענים איז ער
פערוואָרפען געוואָרען קיין ארץ ישראל. בדיעבד, אז ער
איז שוין דא, געפעלט איהם דאס לאנד זעהר גוט. רעכענט
ער צו פערבלייבען און זוכען צו ווערען א חזן אין איינער
פון די קאלאניעס.

איך פרעג איהם צי א קאלאניע קען געבען א חזן
נענוג אויף חיונה.

— איך בין ניט נאר א בעל־תפלה — ענטפערט
ער מיר — איך בין צוגלייך אן אויסגעצייכענטער באר־
בירער. מיט חזנות פון איין זייט און האאר־שעערען פון
דער אנדער זייט וועט מיר קיין פרנסה ניט פעהלען...

דא איז געקומען א גאליציאנער איד. א ציוניסט מיט'ן
נאמען כ... ווען איך האב מיט יאהרען צוריק בעגעגענט
מעהרערע מאל אויף דער איסט־סייד אין ניו־יארק. ער
איז כלומרשט געשיקט פון אן „אחוזה”, אבער ווי איך
פערשטעה איז ער א מעקלער פון לאנד אין תל־אביב און
פערשטעכט זיך ניט די פינגער ביי דעם עסק... אזוי שנעל
ווי ער איז געקומען איז ער אוועק צו סמילאנסקי'ן. צוריק
פון סמילאנסקי'ן איז ער געקומען מיט אן אראפגעלאָז־
טער נאז... האט מיר נאכדעם סמילאנסקי דערצעהלט
וועגען וואס דא האט זיך געהאנדעלט.

שויז יאהרען און יאהרען ווי רחובות זוכט אפצר־

קויפען אַ שטיק לאַנד, וואָס ליעגט אויף איהר גרענעץ. דער לאַנד־הונגער וואַקסט אין דער קאָלאָניע פֿון יאָהר צו יאָהר. עס קומט צו אַ נייער דור, מעהר מענשען בע־דאַרף מען האָבען מעהר ערד. געפינען זיך אָבער תמיד די גוטע מענשען, וואָס שטייגען אַריין דעם פּרייז...

היינט איז צו איהם געקומען כ... מיט אַן אולטי־מאַטום, אויב מע וועט איהם ניט אָפּלאָזען אַ טייל פונ׳ם לאַנד, וועט ער קאַליע מאַכען די קנית...

XXXII.

„דאָס לאַנד פון די שאַלאָמס"

תאָט אויסגעשטעקט די ערד די פולע ברוסט
אוּן ניט געוועזען ווער זאָל קומען זויגען,
האָט מיט דער קייט פון יאָהרען זיך געצויגען
דער פלוך, און שטום געקיניגט אויף דער וויסט...

און פלעגט דער הימעל ניט מתנות שפּאָרען,
דעם באַלזאַם־טהוי, דעם ברכות־פולען רעגען,
געלויערט האָבען רויבער אויף די וועגען —
די ווילדע גראָז, דער שטעכעדיגער דאָרן...

פלעגט אָפט אַ וואַנדערער זיין פוס פערוואונדען,
און מיט אַ קללה פונ׳ם פעלד זיך קעהרען,
און אונטען פלעגט פערשעמט די ערד איהם הערען,
און האַלטען טויזענד אוצרות איינגעבונדען...

אין אונזער האָטעל שטעהט איין אַ דייטשער ציאניסט, דער אינזשעניר ט...

ער איז אַ מאַן אין די פערציגער, פעסט געבויט און פון מיטעלען וואוקס. אַנגעטהאַן געהט ער שטענדיג אין קאַקי. אויפ׳ן קאָפּ טראָגט ער אַן ענגלישען לייוועגט־

קיווער און אויף די פים לאנגע שטיוועל. צום האטעל קומט ער על פי רוב צורייטען אויף א קליינעם אייזעל.

ט... איז געבוירען און ערצויגען אין דייטשלאנד; אבער ער איז שוין אויסגעוועזען א וועלט. א לאנגע צייט האט ער פערבראכט אין זיד־אמעריקא, דערנאך איז ער געוועזן אין די פעראייניגטע שטאאטען. שפעטער האט ער אנגענומען די שטעלע פון אן אינזשעניר אונטער דער דייטשער רעגיערונג אין איינער פון די דייטשע קאלאניעס אין זיד־אפריקא. פון זיד־אפריקא איז ער אוועק קיין ארץ ישראל, אבער נאך א קורצער צייט האט איהם זיין וואנ־דערלוסט צוריקגעטריבען קיין אפריקא. איצט איז ער אין פאלעסטינא צום צווייטען מאל.

ער דערצעהלט מיר, אז דאס ערשטע מאל וואס ער איז געקומען פון אפריקא האט ער מיטגעבראכט מיט זיך א בעדיענטען, א שווארצען האלב־ווילדען קאפיר.

אז דער קאפיר האט זיך דערנאך אומגעקעהרט קיין אפריקא, פלעגט ער אנרופען ארץ ישראל דאס לאנד פון די „שאלאמס" (שלום'ס).

ט... איז געקומען קיין רחובות אנצופיהרען די ארבייט פון דעם שאסיי וואס ווערט געלעגט צווישען רחובות, ראשון לציון און יפו.

מיט דעם שאסיי איז א גאנצע געשיכטע, דער תמצית פון וועלכער איז אט וואס:

יאהרען און יאהרען האבען די אידישע קאלאניסטען פון רחובות און ראשון לציון זיך גע'שתדל'ט ביי דער טער־

קישער רעגיערונג זי זאָל זיי ערלויבען צו מאַכען אַ שאָסיי אויף זייערע אייגענע הוצאות און זיי האָבען בשום אופן קיין ערלויבנים ניט געקענט קריגען. איין בעאַמטער האָט אָפגעשיקט צו אַ צווייטען און אומעטום זיינען געווען הענד וואָס האָבען פערלאַנגט באַקשיש.

ערשט נאָך דעם ווי עס האָט אָפגעקאָסט אַן ערך פופ־ציג טויזענד פראַנק באַקשיש און נאָך אַ פערשלעפעניש פון יאָהרען, איז אָנגעקומען די ערלויבנים, אָבער מיט איין בעדינג — מע זאָל ת י כ ף אָנהויבען בויען דעם שאָסיי און ער זאָל פאַרטיג ווערען ניט שפּעטער ווי אין אַ יאָהר צייט...

פרעגט זיך דאָך אַ קשיא: אויב עס איז יאָ אַזאַ איילעניס, טאָ פאַר וואָס האָט די רעגיערונג ניט געגעבען די ערלויבנים פריהער?... איז דער תירוץ — טערקיי...

דער שאָסיי האַלט נאָך ערשט ביים סאַמע אָנהויב. לעת עתה אז מע וויל פאָהרען פון רחובות קיין יפו, מוז מען מיט אַ טאָג פריהער בעשטעלען אַ פּלאַץ אין דעם די־ליזשאַנס. אויף מאָרגען מוז מען אויפשטעהן כלחוך השור, ווארום האַלב זיבען איז שוין דער אָנגעפּאַקטער די־ליזשאַנס אויפ'ן וועג. די נסיעה ביז יפו דויערט רונד אַרום אַ שעה פיער אויפ'ן זייגער, הגם פאָהרען פאָהרט מען אייגענטליך ניט מעהר ווי א י י ן שעה בסך הכל. די איבעריגע צייט בראַדזשעט מען צוזאַמען מיט נאָך אַן אַכט—ניין פאַרשוין ביז אין די קנעכלעך אין דעם הייסען זאַמד, און מאַחמוד אַרבייט זיך דערווייל אַרום

די כוחות צו פועל'ן ביי די פערד זיי זאלען כאטש שלעפען דעם ליידיגען וואגען.

און אז מע בראדזשעט אין זאמד שמועסט מען זיך פאנאנדער, און מע רעדט וועגען אלצדינג אין דער וועלט.

געהען מיר אזוי אנוסטען א גאנצע עדה אידען און בעגלייטען מיט גרויס פאראד דעם ליידיגען דיליזשאנס, איינער פון אונזערע מיטפאהרער איז א קאלאניסט פון רחובות, גיט ער אונז א קאפיטעל געשיכטע פון די ערשטע יאהרען פון דעם „ישוב".

בויען א נייעם בנין האט מען אין יענע צייטען אהן אן ערלויבנים פון דער רעגיערונג ניט געטארט און קריגען אזא ערלויבנים האט געדארפט קאסטען מעהר ווי דער גאנצער בנין. צוליעב דעם האבען אפט גאנצע פאמיליעס געמוזט לעבען אונטער'ן פרייען הימעל. אז מע האט גע־וואלט אויפבויען א הויז אדער א שטאהל, האט מען גע־מוזט אריינכאפען און ארבייטען טאג און נאכט, כדי צו ענדיגען דעם בנין איידער א חאיאל וועט קומען. איז דער בנין געווען איין מאל אויפגעשטעלט ביז'ן דאך, איז געווען פערפאלען. געהייסען איינווארפען האט מען ניט.

מאכט זיך איינמאל אז צו איינעם א קאלאניסט קומט א חאיאל אין סאמע מיטען בויען. שלעכט. וואס טהוט מען ? דער אפגעריסענער פערהונגערטער חאיאל שטעהט און לאזט ניט א האנד צולעגען. צייט פערלירען האט מען ניט געקענט. האט מען קיין שאלה און קיין מעלה ניט

געמאכט און מע האט דעם בחור א נעהם געטהאן כדבעי, געבונדען הענד און פיס און פערשפארט אין א קאמער און דערווייל האט מען געבויט אויף וואס די וועלט שטעהט.

אז ס'איז אוועק א טאג און דער חאיאל האט דער־שפירט אז ער איז א נוטה למות פון הונגער, האט ער גע־נומען פערהאנדלען וועגען „שלום". האבען איהם די קא־לאניסטען געשטעלט די ברירה — ענטוועדער צו שטאר־בען אויפ'ן מזבח פון פליכט — וואס דאס פאליובעט קיינ־מאל ניט זעהר שטארק אן אראבישען סאלדאט — אדער העלפען ביים אויפשטעלען דאס הויז און קריגען א בישליק א טאג...

מע איז מושווה געווארען אויף א בישליק און א האלב און דער חאיאל האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין אן אויס־געצייכענטער בעל מלאכה.

מיט אונז צוזאמען געהט און סאפעט אן עלטערער איד וואס איז געקומען קיין ארץ ישראל אויף א פאאר מאנאט. ער קען זיך ניט געגוג אנלויבען פון ארץ ישראל.

שלאגט איהם איבער דאס ווייב, א הויכע דיקע אי־דענע, און הויבט אן אויספעקלען איהרע טענות און תביעות.

ראשית — זאגט זי — איז דא ניטא קיין חריין. וואו איז דאס געהערט געווארען, אז חריין זאל מען דארפען ברענגען אזש פון רוסלאנד.

עמיצער טרייסט זי, אז אזוי ווי פיש איז דא אויך ניט בנמצא, מאכט ניט אויס אז אהן חריין.

מילא חריין בין איך אייך מוחל — טענה'ט די איר־דענע — אבער די מטבעות... מע קען דאך משוגע ווער־רען. אין האטעל אין יפו האבען מיר בעצאהלט מיט פראנ־קען. דעם אראבער וואס האט אונז געבראכט אויף זיין אייזעל האט מען געמוזט בעצאהלען מיט „בישליקעס” און אויף דער באהן הויבט זיך אן א נייע חתונה. דארט חשבונ'ט מען דיר אויף „מערזשידעס”. נאר דאס איז נאך אלץ גארניט. הײנט אין דער פריה קויף איך א פע־קעל שרייב־פאפיר, וויל דער קרעמער דריי טאלער. קען איך זיך שוין מעהר ניט איינהאלטען. שעהמען מעגט איהר זיך — זאג איך צו איהם — אין אייער ווייטען האלז. ס'איז טאקי ארץ ישראל, אבער ווי בערייסט מען דאס אזוי מענשען צו פערלאנגען דריי טאלער פאר צוואנציג בויר־געלעך פאפיער ?... שטעהט דער איד און קוקט אויף מיר און קייקעלט זיך פאר געלעכטער. עס געהען איהם אזש טרעהרען פון די אויגען. שטעלט זיך ארויס אז א טאלער איז „גרוש” און א „גרוש” איז דריי „מעטעליק” און א „מעטעליק” איז א קימא לן פון צוויי קאפיקעס.

א יונג ווייבעל פון רחובות, מיט קלוגע שווארצע אוי־גען, שיט זאלץ אויף דער אידענע'ס וואונדען. זי דער־צעהלט איהר אז דער קורס פון א מעטעליק איז ניט אין אלע שטעדט גלייך און אז אפילו אין דערזעלביגער שטאדט איז דער מקח אויך ניט אלע מאל דערזעלביגער.

מישט זיך אריין א בחור וואס געהט נעבען מיר, און דערצעהלט, אז זיינער א בעקאנטער האט אזוי לאנג גע־האלטען אין איין אויסבייטען א צוואנציג פראנק שטיק

אויף אנדערע געלטען, און די אנדערע געלטען ווידער אויף אנדערע, ביז איהם איז סך הכל געבליבען צוויי און א האלב פראנק. דאס איבריגע איז אוועק אויפ'ן אויסבייטען.

דער בחור איז קענטיג א לץ, אבער די אידענע האט ער ווי צוגעטראפען.

— אחוץ דעם — ניט זי זיך א קעהר צו מיר — וואו אין דער גאנצער וועלט האט מען געזעהן, אז ביי מענשען זאל ניט זיין ניט קיין „גוט־מארגען", ניט קיין „גוט־נ'אבענד", ניט קיין „וואס מאכט איהר ?" און ניט קיין „זייט געזונד", נאר ווידער „שאלאם" און אבער „שאלאם". מיר איז שוין אזוי פערשאלאמעוועט דער קאפ, אז, גלויבט מיר, ווען עמיצער זאגט מיר א היימישען „וואס מאכט איהר", וואלט איך איהם געפאלען קושען, פאר מענשען אין די אויגען.

דערוויילע פאהרט דער דיליזשאנס אריין צווישען די וויינגערטנער פון ראשון לציון. פון ביידע זייטען וועג שטעהען פלויטען פון ווילדע קאקטוס־פלאנצען — גרויסע אומגעלומפערטע פערזעהעניסען, פערפלאכטען איינס אין צווייטען און אנגעפיקוועט פון אויבען ביז אונטען מיט שארפע נאדלען. צוליעב זייער שטעכעדיגקייט זיינען זיי אויסגעצייכענטע שומרים.

דערצעהלט איך דער אידענע א מעשה. אמאל זיינען דא געקומען א סך מענשען זיך צו בעזעצען. דאס לאנד איז געווען פעט און פרוכטבאר, די לופט איז געווען מחיה נפשות און די זון איז געווען גרייט ארויסצוברענגען

די שעהנסטע פירות פון די בוימער און די בעסטע גרינסען פון דער ערד. אבער די מענשען האבען ניט געוואלט ניט אקערען, און ניט גראבען, נאר טאג פאר טאג האט זיך זיי פערגלוסט אן אנדער פערוועלענים. און אלערליי בלבולים האבען זיי אויסגעטראכט אויף דער ערד. איז די ערד פערוויסט געווארען און די מענשען זיינען צו־לאפען אין אלע ארבע פנות העולם. האט די ערד געוויינט צו גאט פון גרויס ביוש און גאט האט דערהערט די שטים פון דער נעקריוודעטער ערד. איז ארויס א גזר מן השמים אז אזוי שנעל ווי איינער פון די אנטלאפענע וועט שטאר־בען, זאל ער מגולגל ווערען אין א קאקטוס־קוסט און זאל מוזען היטען די פעלדער אויף וועלכע ער האט גערעדט לשון הרע.

שטעהען זיי איצט די דאזיגע זינדיגע נשמות, אין דער געשטאלט פון מיאוס'ע און שטעכעדיגע קאקטוסען און זיי האלטען שמירה אויף די שווער־בעלאדענע וויינ־שטאקען וואס פלייסיגע הענד האבען פערפלאנצט און הערען די לוסטיגע געזאנגען פון די, וואס פילען אז די קערב מיט רויטע פונקעלדיגע טרויבען....

XXXIII.

אָרעמע קרובים

שטרעקט אויס אַ האַנד זיך פון דער נידער:
הויב אויף און פיהר, מיר זיינען ברידער...
איך האָב פערשפּעטיגט אויפ'ן שליאַך
און דו ביסט שטאַרק און איך בין שוואַך...

אַ חבר'טע פון דער תימנישער מיידעל וואָס דיענט ביי די א...'ס, האָט היינט אָבענד חתונה. האָט די דיענסט־מיידעל איינגעלאַדען די בעל־הבית'טע צו קומען אויף דער חופּה. בלייבט מיר זאָלען געהן אַלע צוזאַמען.

די נאַכט צולעגט זיך שוואַרץ אויף דער קאָלאָניע. מיר געהען דורך אַ זייטיגען פינסטערען וועג. פון איין זייט אַ געדיכטער צוים פון מימאָזען, פון דער אַנדערער — אַ פּרדס פון אוילבערט־בוימער. דער זיסער גערוך פון די מימאָזען, און פון די בעטויהטע גערטנער, וועהט קיהל אין געזיכט. די שטערען אויפ'ן הימעל ווערען פון מינוט צו מינוט אַלץ געדיכטער און אַלץ גרעסער. אַרום איז שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. מע קען הערען ווי עס קאַפּען די טהוי־טראָפּענס פון בלאַט צו בלאַט...

מאדאם א. פיהרט און מיר נעהען נאך. זי איז גע־בארען אין דער קאלאניע און זי וואלט דעם וועג געטראָ־פען מיט פערבונדענע אויגען. מיט אמאל פערדרעהען מיר זיך אין א שמאלען געסעל. אויף דער רעכטער האנד א גרויסער גארטען, אויף דער לינקער — קליינע הייזלעך וואס שימערען ווייס דורך דער פינסטערניס. צווישען די הייזלעך בוימלעך און בייטען. ניט א פונק ליכט אין ערגעץ.

אפגעגאנגען נאך א הונדערט טריט, הערען מיר א טומעל און א געפילדער און דערזעהען א ליכט וואס שיינט ארויס פון א הייזעל און פאלט אויף אן אנטקעגענדיגען באנאנא־קוסט.

מיר געהען אריין אין א קליינעם הויף און געפינען זיך צווישען א געזעמעל פון קליינע צוועלף—דרייצעהן יעהריגע מיידלעך. זיי זיצען אויסגעזעצט אין א האלבען ראד און זינגען א מאנאטאנעם, מורא'דיג טרויעריגען נגון...

וואו האב איך דעם נגון געהערט ?... פון א טונקע־לען ווינקעל שפרינגט ארויס דער פערגלייך : אזוי האָ־בען די טעכטער פון גלער געזונגען קלאגענדיג אויף יפתח'ס טאכטער...

ערגעץ אין דער הויך הענגט א קליינע לאמטערנע און די געלע צאנקענדע פלאם מאכט די פינסטערניס נאך שטארקער...

אין א ווינקעל זיצט איינע און קלאפט מיט דער האנד אין א סארט טאמבורין.

דאס טרויעריגע קלאגען אין דער פינסטערניס הערט

ניט אויף א מינוט. די קליינע מיידלעך, ווי עס שטעלט זיך ארויס, זיינען יונגע ווייבלעך. דאס דערקענט מען אין די שווארצע שטערן־טיכלעך וואס זיי טראגען. איי־ניגע פון זיי זיינען מאמעס, וואס האבען שוין בעוויזען א קינד צו בעגראבען.

צווישן די קליינע פיגור'כלעך זעהט זיך אן איינע א שטארק הויך ווייבעל פון א יאהר צוואנציג.

איך דערקען זי. דאס איז מרים די דיענסטמיידעל פון „חאוואדזשא מוסאה". איהר מאן איז א תימני פון פתח תקוה. זי איז אנטלאפען פון איהם, ווייל ער פלעגט זי שלאגען מכות אכזריות, איז ער איין טאג געקומען מיט זיין גאנצער משפחה, מיט שטעקענס און מיט א שטריק, גרייט צו בינדען זיין ווייב און זי מיט געוואלט אוועקנעה־מען צו זיך. מרים, וואס איז, איבעריגנס, א העלדיש ווייבעל, האט דערזעהענדיג דעם מאן, אנגעהויבען ציטערען ווי א בלאט, און איז שיער ניט געשטארבען פון שרעק. א גליק וואס „חאוואדזשא מוסאה" איז געווען אין דער היים. האט ער דעם מאן געגעבען א גאב און האט איהם אוועקגעטריבען פון הויז.

מרים'ס אייגענער ברודער האט זיך לכתחלה שטארק געשעהמט מיט איהר אויפפיהר. דער מאן האט עהרליך בעצאהלט פאר איהר, געהערט זי צו איהם, און זיך שטע־לען אנטקעגען איז א שרעקליכער זינד. ער האט זיך אבער איבערגעבעטען. אלס אפעקון פון זיין שוועסטער קריגט ער אלצדינג וואס זי פערדיענט. פערליערט ער נאך אלע־מען גארנישט אן זיין שוועסטער'ס ווידערשפעניגקייט.

מאדאם א. ווייזט מיר אן אויף דער כלה, א קליין שוואך מיידעלע פון א יאהר עלף—צוועלף, מיט א שעהן שווארץ פנים'על און טיפע שווארצע אויגען — די בשותפות'דיגע ירושה פון אידען און אראבער.

די קליינע כלה איז אנגעטהאן אין א גרינעם קלייד מיט רויטע קווייטען, און א ווייסען שלייער. אויפ'ן קאפ טראגט זי א סארט זילבערן קרוינדעל, און אויפ'ן האלז שנורען קארעלען און זילבערנע מטבעות. שווערע זיל־בערנע אוירינגען רייסען שיער ניט ארונטער די קליינע שווארצע אויערלעך, און אויף ביידע הענד־געלענקען טראגט זי זילבערנע בראסלעטען, די פינגער זיינען רויט געפארבט מיט העננא און בעדעקט מיט רינגען.

אונזער בעגלייטערקע ערקלערט אונז אז די תכשיטין געהערען ניט צו דער כלה. ווי קומט זי צו אזא עשירות? דאס בארגט מען צוזאמען פיעל מע קען פון קרובים, בע־קאנטע און שכנים, כדי צו בעשעהנען די כלה אין דעם יום־החופה.

דער טרויעריגער כאר יאמערט און קלאגט און די טאמבורין קלאפט אומעטיג צו. אין מיטען פון דעם רע־דעל, דרעהען זיך צוויי ווייבער. זיי טאנצען א פאנטאס־טישען כשר־טאנץ. איינע פון זיי זעהט אויס צו זיין א זקנה. דאס געזיכט איז צוקנייטשט און איינגעשרומפפט, די ברוסט איינגעטריקענט, דער גוף מאגער.

מאדאם א. קען אלע תימנים פון רחובות, זאגט זי מיר אז די זקנה איז נאך קיין פערציג יאהר ניט אלט.

— איבעריגענס וועלען זיי אייך קיינמאל ניט אויס־זאגען ווי אלט זיי זיינען. זיי האבען מורא פאר אן עין הרע.

און אט איז איינע פון שלום׳ס ווייבער!

איך קעהר זיך אום. א חנ׳עווריג מיידעל פון א יאהר פערצעהן האלט פערבויגען דעם קאפ אן א זייט, וויגט זיך היז און הער און קלאגט צוזאמען מיט דעם כאר דעם טרויריגען נגון...

— ווער איז שלום?

— שלום איז א שם־דבר... שלום׳ען פוזט איהר קענען. ער האט א גאנצען הארעם. דער עסק לוינט איהם. א תימנ׳קע קאסט ניט פיעל. מע קען זי איינהאנדלען פאר א צוויי הונדערט פראנק. אסך ביליגער ווי ביי די אראבער. ביי זיי איז דער ביליגסטער מקח פינף הונדערט פראנק. בלייבען א סך אלטע בחורים. אט איז מיין טאטענ׳ס אראבאדזשי, איז א גאט׳ס רחמנות אויף איהם. שוין א מאן קרוב פערציג און קען ניט צונויפשפארען גענוג אויף א זווג.

— אבער וואס איז מכח שלום׳ען?

— שלום האט פיער ווייבער, דריי ווייבער אין רחובות און איינע אין יפו. אלע פערדיענען. זיי זיינען דיענסטמיידלעך. אחוץ וואס אלע גיבען איהם אפ זייער גאנצען לויהן, ברענגען איהם די רחובות׳ער אין אבענד, ווען זיי קומען אהיים, די וועטשערע וואס די בעל־הבית־טעס גיבען זיי מיט.

די וואס איהר זעהט דא איז די פיערטע. ווען ער

האט חתונה געהאט מיט איהר איז זי געווען אכט יאהר אלט און ער — א מאן פון איבער דרייסיג...

מיר געהען אריין צו די מאנסבילען. א קליין הייזעל וואס בעשטעהט פון איין קאמער אהן דיל. עס זשיפּטשעט א קליין לעמפּעל. דער עולם זיצט אויסגעזעצט אויף דער ערד ארום די ווענד. קיין שום מעבעל איז ניט פאראן.

מע טרינקט שווארצע קאווע פון קליינע שעלכעלעך און מע רויכערט פון נארגילעהס. קיין פענסטער איז אין הויז ניטא, און דער רויך הענגט ווי א געדיכטער וואלקען איבער די רויטע פעצען און די געפלאכטענע קאפּ־צודעקען. א טייל פון די געסט טראגען, לכבוד דער חתונה, שיך, די איבעריגע זיינען בארוועס.

סאמע אויבען־אן זיצט אנגעטהאן אין א טלית, דער חתן, א בחור פון א יאהר אכצעהן. אין דער האנד האלט ער א גרויסע בינטעל פון פעלד־בלומען. קומט אריין א נייער גאסט, געהט ער צו צום חתן, שטעלט זיך דער לעצטער אויף, אוןביידע לעגען ארויף די האנד אויף'ן הארצען. דערנאך אויף'ן שטערען און מע צוקושט זיך מעהרעמאל אויף ביידע באקען.

ווייבער קומען אריין, קענטיג נאהנטע קרובות פונ'ם חתן, און קושען דעם חתן די האנד...

ניט ווייט פון דעם חתן זיצט א קרעפטיגער מאן פון א יאהר דרייסיג מיט א שעהנעם שווארץ־בעוואקסענעם געזיכט און מיט גרויסע שמוציגע בארוועסע פיס. ער האלט פאר זיך א געשריבענעם אלטען סידור און זינגט א

פזמון אין העברעאיש געמישט מיט אראביש. דערביי בע־ גלייט ער זיך אליין מיט אן אייזערנעם שטעקעלע אויף א סארט קופערנער טאץ. זיין קול איז הילכיג און מעטאליש. אז ער ענדיגט א פערז, הערט זיך דער אפקלאנג פון זיין שטים אזוי ווי א גלאק וואס האט נאר וואס אפגע־ קלונגען... דער נגון איז האלב־פרעהליך, האלב מרה־ שחורה׳דיג.

פאר׳ן חתן פלעכטען זיך דריי יונגע לייט אין א מין שעערל... איינער האלט די האנד אויף דעם אקסעל פון דעם אנדערען. די בעוועגונגען זיינען זעהר גראציעז און פול מיט דעם שטומען כשוף פון פינסטערע מזרח־נעכט...

מיר ווינשען דעם חתן „מזל־טוב" און מע ענטפערט אונז „מזל וברכה".

לכבוד אונז ברענגט מען נידעריגע בענקלעך.

— בבקשה!

מע דערלאנגט אונז אייגען־געמאכטען וויין, שווארצע לעקעך און געבאקטע קוקורוזע. מיר פערזוכען פונ׳ם וויין און די צייהנער ווערען אזש האריג. שארף און זויער. מיט די לעקעך וויל איך זיך נים איינשטעלען. שטעהען אנטקעגען א פאאר קליינע „משה׳לעך און שלמה׳לעך" מיט ברודיגע פנים׳לעך און קוקען אויף דעם גרויסארטיגען כיבוד וואס מע האט אונז דערלאנגט און בעלעקען זיך ווי הונגעריגע קעצלעך. נעהם איך דאס שטיק לעקעך און גיב זיי. כאפען זיי עס צו און לויפען ארוים.

מיר האבען זיך פערשפעטיגט. די חופה איז שוין

געוועזן מיט א שעה צוריק. איצט וועט מען זינגען און טאנצען ביז שפעט אין דער נאכט. דערנאך וועט קומען די וועטשערע. פאר די מאנסבילען אין א בעזונדערען חדר, און פאר די ווייבער אין א בעזונדערען חדר.

אויף דער וועטשערע וועט זיין פלייש מיט א געדיכ־טען יויך. דאס פלייש צוזאמען מיט דער זופ וועט דער־לאנגט ווערען פאר אלעמען אין איין שיסעל, און מע וועט עסען ווי אידען האבען געגעסען דעם קרבן פסח, הייסער־הייד און בחפזון און מיט קיין גאפעל וועט מען גאט'ס גאב ניט פערשוועכען. די זופ וועט מען אויסטונקען מיט פלא־כע ווייכע „פיטעס" און מעלדט אייך, אין ניוועץ וועט אפילו א טראפען ניט געהן.

XXXIV.

אַ צווייטער בעזוך

ווידער בין איך געווען ביי די תימנים. דאַסמאָל אין העלען זונענשיין, פרייטאג נאָכמיטאָג.

ווי אליעזר, דער קנעכט פון אברהם'ען, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט וואו די תימנע'ר פרויען קומען שעפּען וואַסער. אזוי ווי עס איז געווען ערב שבת, זיינען אַלע ווילע געקומען ווייבער — אַלטע און יונגע — מיט די כלים אויף די קעפּ. וואָלטען עס געווען קריעג, וואָלט איך די יונגע ווייבלעך ליופי המליצה פערגליכען מיט מוטער רבקה. זיינען עס אָבער על פי רוב געווען נאָבעל'ס נאַפט-בלעכען.

די דאָזיגע בלעכען, אַזוי ווי די הילצערנע קעסטלעך אין וועלכע זיי ווערען אַהער געשיקט פון באַקו אָדער פון אַמעריקא, פעררייכטען אין ארץ ישראל הונדערט פערשיעדענע מלאכות, פון וועלכע די נאַפט-פערקויפער האָט זיך אַיפ'ן לעבען ניט געקענט חלום'ען.

איך האָב שוין געזעהן, ווי מע האָט אַן ארון פאַר אַ טויטען קינד געמאַכט פון אַ נאַפט-קעסטעל.

די ווייבער זיינען געווען צום גרעסטען טייל פער־עלטערט פאר דער צייט, און מיאוס. אבער געגאנגען זיינען זיי גלייך און שטאלץ און די טאנגא־מיידלעך פון ניו יארק, האבען זיך געמעגט קומען לערנען ביי זיי די קונסט פון געהן שעהן און גראציען.

אם דעם גלייכען און קעניגליכען גאנג זייערען האבען די תימנ'ישע פרויען, ווי אויך די אראבערקעס, צו פער־דאנקען דער געוואוינהייט צו טראגען זייער משא אויפ'ן קאפ. דער קאפ לערנט זיך אוים צו זיין אויפגעהויבען און די גליעדער — זיך סימעטריש צו באלאנסירען.

מיין בעגלייטער האט גענומען מאכען הכנות דעם עולם צו פאטאגראפירען. זיינען איינינע אנטלאפען פייל פון בויגען, אנדערע האבען זיך געקווינקעלט און די מוטהיגערע זיינען געבליבען. זיי האבען בלויז פערלאנגט מען זאל זיי צוזאגען א בילד.

א גרופע עלטערע תימנים זיינען אנגעקומען צוריק פון דער ארבייט מיט גראב־אייזענס אויף די פלייצעס. דערזעהן דעם אפאראט, האבען זיי זיך גיך אפגעטראגען. פיער יונגע תימנ'ישע פועלים האבען זיך אפגעשטעלט.

איך קעהר זיך צו איינעם פון זיי וואס זיינע פאות גרייכען ב ל ו י ז ביז איבער די אויערען. עס ווייזט זיך ארוים, אז ער איז פון די „גייע". ער געהערט צו די „פרחי תימן" און ווייס פון ביאליק'ן. איך לאז זיך אריין מיט איהם אין א שמועס און פרעג איהם קודם כל, ווי קומט עס אז די תימנים נעהמען אזוי פיעל ווייבער.

— דא היע — פערענטפערט ער זיך און ווערט רויט — נעהמט מען געוועהנליך נאר איינע... דארטען, אין תימן, פלעגט מען יא נעהמען מעהר. אבער דאס איז נאר געווען צוליעב קינדער... די קינדער שטארבען איינס נאך אנדערען און אייז ווייב סטאיעט ניט לקיום המין...

— און שלום?

— שלום — שפרינגט ארויס אן אנדערער — איז א „מפריס פרסה" (א בהמה מיט צושפאלטענע קלויען). ער פערשווארצט זיי אין די אויגען פון די אשכנזים. קענען זיך די אשכנזים איבערנעהמען און ארונטערקוקען אויף די תימנים.

פאר די אשכנזים וויל מען זיך אויספיינערען, מעהר פון אלץ, כדי די אשכנזים זאלען ניט זאגען „אני העשרתי את אברהם".

דערצעהלט מיר אגוסטען ז... אז ווען ער האט געבויט זיין ווילא, האט איינער פון די תימנ'ישע ליימטרעגער זיך בעריהמט, אז אין תימן האט אפילו דער ארעמסטער פון זיי געוואוינט אין א פיעל שעהנערע הויז.

מיר געהען פערביי אז אלטען בלינדען תימני וואס ווארעמט זיך אויף דער זון און קומען צו דעם הייזעל פון דעם אלטען מלמד. ער זיצט פאר דער טהיר, די פיס צו־נויפגעדרעהט אונטער זיך, ארום איהם א כאפטע קליינע תלמידים'לעך, אפגעריסענע, אפגעשליסענע, מיט שווארצע ברענענדיגע אויגלעך. אין דער רעכטער האנד האלט

ער א לאנגע רוט, די רוטה האט, אפנים, שווער געארבייט א גאנצע וואך.

אזוי ווי עס איז שוין געווען נאהנט צו שול־רופען, האט זיך דער אלטער מלמד אנגעגרייט איטליכען פון זיי־נע תלמידים מכבד צו זיין מיט א לעצטען שמיץ, דאס האט געזאלט זיין א סיגנאל, אז דער חדר איז אויס, און צו־גלייך א דערמאנונג, אז עס איז דא א רוט אויף דער וועלט.

אז מע האט אנגעשטעלט אויף איהם דעם קאדאק, האט ער אפגעקעהרט זיין געזיכט און גענומען שרייען:

— וואס ווילט איהר פון מיר? געהט אייך אייער וועג. איך ווייס צוליעב וואס איהר דארפט דאס...

— צוליעב וואס, אדרבה?

— איהר וועט דאס בילד בעווייזען אין חוץ לארץ און וועט קלייבען נדבות אויף דעם סמך, און אונז וועט איהר פון די נדבות גארנישט געבען...

דורך א שפיצעל איז דאך געלונגען איהם מיט זיין חדר ארונטערצוכאפען...

טענות און תביעות צו די אשכנזים האבען די תימנים אסך. ראשית האבען זיי מיט זיך אין גלות מיטגענומען דעם שלחן הזהב. דעריבער זיינען זיי אזעלכע עשירים...

זיי, די תימנים, האט מען תמיד געקריוודעט. עזרא הסופר האט זיי אפילו אין ארץ ישראל ניט מיטגענומען. האט איהם טאקע דערפאר גאט געשטראפט און ער ליעגט בעגראבען אין בבל. ניט זוכה געווען צו שטארבען אין ארץ ישראל.

דער נאָמען עזרא איז ביי זיי אין חרם עד היום. קיין תימני הייסט ניט מיט דעם נאָמען „עזרא".

ליעב דעם אשכנזי האָט מען ניט. אָבער מע קומט אָן צו זיי, מוז מען שווייגען. אַמאָל רייסט זיך אַ וואָרט אַרויס.

ניט לאַנג צוריק, ביי אַן אסיפה פון די תימנים, צו־זידלען זיך די „נייע" מיט די „אַלטע", שפּרינגט איינער אויף און גיט אַ געשריי צו אַ צווייטען: —

— אשכנזי !...

צוריקוועגס טרעף איך אַן עלטערען תימני וואָס איז שוין אָנגעטהאָן אין זיין שבת'דיגען מלבוש — אַן אָפּגע־בלאַקעוועטען שוואַרצען פראַק וואָס האָט אין זיין ערשטען גלגול בעשעהנט דעם רוקען פון אַ רחובות'ער בעל־הבית.

איך צערעד זיך מיט איהם און מיר קומען ביסלעכ־ווייז אַרויף צו שדים.

— מע זאָגט, אַז אין תימן זיינען דאָ אסך שדים...

— בודאי יש — שאָקעלט ער מיט'ן קאָפּ — עס זיינען דאָ תימנים, וואָס האָבען אויסגעהרג'עט פון זיי גאַנצע מחנות. פאַראַן אַלע מינים. עס זיינען דאָ שדים וואָס זעהען אויס ממש כבני אדם און פיהרען זיך אויף כבני אדם.

— אַט האָט דוד געלעבט צווישען דיזאַזיגע שדים צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד און איז קוים אַ לעבעדיגער אַנטרונען געוואָרען.

— וואו איז דוד ?

דוד איז אין רחובות, ער וואוינט ניט ווייט פון דאנעז.

איידער איך בעווייז איהם ווידער צו פרעגעז, דער־צעהלט ער מיר אין זיין תימנ׳ישען העברעאיש די גאנצע געשיכטע מיט דוד׳ן און די שדים. יעדער תימני וויים דיזאזיגע מעשה, אזוי ווי ער וויים זיין אייגענעם נאמען.

דוד איז געוועז א איש נכבד אין דער קהלה. האבען די שדים געווארפען אן אויג אויף איהם. זיי האט זיך ניט אנדערש געוואלט איהם ארייננקריגען צווישען זיך. מעהר פון אלע האט געצאטעוועט אויף איהם אן עלטערער שד, דער פרנס פון די שדים און א גרויסער חשוב ביי זיי. ער האט געהאט א טאכטער א גוואלדיגע יפת תואר, און איהם האט זיך פערוואלט האבען דוד׳ן פאר אן איידעם. און אז די שדים עקשנ׳ען זיך איין, איז השם ישמרנו.

האבען זיי אפגעלויערט איין מאל ווען דוד האט זיך געבאדען אין טייך, און האבען איהם געכאפט און אוועק־געטראגען הינטער אלע שבעה ימים, וואו זיי האבען גע־האט א גרויסע קהלה.

דוד האט זיך געראנגעלט און האט געוויינט און גע־בעטען. אבער עס האט איהם גארניט געהאלפען. דער מחותן איז בעשטאנען, און דא שטעהט שוין די כלה און זי שיינט ווי די לבנה אין מיטען חודש, און דער חכם (חא־כאם) פון די שדים, א זקן מיט א הדרת פנים, איז געקומען מסדר קדושין זיין. האבען זיי אפגעשטעלט חופה און הא־

בען געמאכט א גרויסארטיגען שבעת ימי המשתה און דוד איז געווארען דער מאן פון א שד'יכע.

פון הויז ארויסגעהן האט מען איהם ניט געלאזט. מע האט איהם מאכיל ומשקה געווען פון דאס בעסטע און דאס שעהנסטע. אלצדינג וואס זיין הארץ געלוסט, האט ער געקראגען. אבער די שד'יכע האט פון איהם אז אויג ניט אראפגענומען. און רק זי האלט איהם און זי קושט איהם און וואס א טאג בעווייזט זי איהם אלץ מעהר ליעבשאפט.

אזוי זיינען אוועק צוויי רונדע יאהר כסדר און די שד'יכע די יפת תואר האט געבארען דוד'ן צוויי קינדער.

איז דוד'ן ניט איינגעגאנגען דאס לעבען. ער איז ארומגעגאנגען גאנצענע טעג ווי משוגע און ביי נאכט האט ער ניט געקענט אן אויג צוטהאן. ווי ווערט מען ניצול ?

האט איהם השם יתברך איינגעגעבען א דעה, ער זאל אריבערגעהן צו דעם אלטען חכם פון די שדים און אויס־גיסען פאר איהם זיין ביטער הארץ.

האט זיך דוד איינגעבעטען ביי די שד'יכע זי זאל איהם אפלאזען אויף א פאאר שעה צייט. ער האט גע־שווארען, אז ער וועט ניט אנטלויפען.

איז ער אוועק צום חכם, און ווי ער איז אהין געקר מען, איז ער אנידערגעפאלען אויף די קניה און האט אנ־געהויבען יאמערען :

— רבי, האט רחמנות... וויפיעל איז דער שיעור ?...

האט דעם אלטען פערקלעמט ביים הארצען. א גרוי־סער בעל רחמים געוועזען. רופט ער זיך אפ צו דוד'ן :

— גנה, חביבי, אהיים, איך וועל זיך מיהען פאר דיר.

האט דער חכם פון די שדים געלאזט תיכף צונויפ־רופען אן אסיפה און האט פארגעלעגט פאר אלעמען דעם עניין. איז געווארען א רעש און א געפילדער און עס האט אויסגעבראכען א שרעקליכע מחלוקת צווישען די שדים. איין צד האט געזאגט, מע זאל איהם אפלאזען און דער צד פון דוד'ס שווער האט גע'טענה'ט, אז דוד מוז בלייבען ביי זיין נייע ווייב און קינדער.

אבער דער חכם פון די שדים האט גע'פסק'ענט, אז מע מוז דוד'ן אפשיקען אהיים, און וואס דער חכם זאגט, איז ביי די שדים הייליג.

איין בעדינגג נאר האבען די שדים געשטעלט, אז איי־דער מע וועט איהם אפלאזען זאל איטליכער פון זיי אויס־רייסען פון איהם א האאר.

האט זיך דוד אויפגעכאפט אויף מארגען אין דער פריה און האט געפונען אז ער איז אין זיין הויז אין תימן ביי זיין ווייב און זיינע בני בית. און אז ער האט זיי דער־צעהלט וואו ער איז די גאנצע צייט געווען און וואס מיט איהם האט פאסירט, און ווי אזוי ער איז גערעטעוועט גע־ווארען, האבען זיי געמאכט א ברכה „ברוך מחיה המתים".

אבער ווען ער האט גענומען לעגען תפילין צום דאווע־נען, האט ער אויסגעפונען, אז ער האט ניט א האאר אויפ'ן קאפ.

איז איהם געווען א גרויסער בזיון צו געהן אהן פאות.

האט זיין ווייב אפגעשניטען א הייפעל האאר פון זייער עלטערער מיידעלע און עס איהם צוגעקלעפט צו בייר־דע שלייפען שטאט פאות.

די האאר איז קיינמאל ניט אפגעוואקסען און דור מראגט די צוגעקלעפטע פאות עד היום הזה.

XXXV.

זון־פעדים

פעדעם אין דער זון
שימערען און שוועבען,
מאַכען מיר דערפון
ליכטיגע געוועבען...

פעדעם אין דער זון
האָבען מיר געפאַנגען,
שפינען מיר דערפון
זוניגע פערלאַנגען...

אנגעקומען א סך נייע געסט מיט אמאל אין אונזער „מלון“.

שלום אש איז מיט זיין פרוי אהער געקומען פון גליל. זיי וועלען דא פערברייננגען א לענגערע צייט.

דערווייל איז היימליכער געווארען אויף'ן הארצען.

צוזאמען מיט אש'ן איז געקומען אהער דער פעטער־בורגער מיליאנער פ... און דער אלטער שנעע־האארינגער פיינבערג, דער מחלק פון דער „מוהמע“ יס“א'ס צדקות אין רוסלאנד.

אש'ס צימער איז סאמע אקעגנו מיינעם. צווישען אונז איז מפסיק דער לאנגער עס־צימער. האלטען מיר נאכ־אנאנד אין אפשטאטען איינער דעם אנדערען וויזיטען.
הערט זיך א קלאפ אין טהיר.
— יבא !
קומט אריין אש. נעהם איך איהם אויף מיט גרויס פאראד, זעץ איהם אוועק אויף דעם איינציגען שטוהל וואס מיר האבען, און טראקטיר איהם מיט באז־באנס, וואס זיי־נען איינגעוויקעלט אין פאפירלעך מיט הרצל'ס בילד. איך אליין זיץ אנגעלעהנט בהסבה אויף דער בעט.
בלייבט, אז ער איז שוין געגוג געזעסען און צייט איך זאל אבצאהלען דעם בעזוך. געהט אש צוריק אין זיין צי־מער, און איידער ער האט נאך בעוויזען די טהיר אין גאנ־צען צו צומאכען, קלאפ איך שוין אן.
— יבא !
נעהמט ער מיך אויף מיט גרויס פאראד און איז מיך מכבד מיט ווייסען לעקעך. און אזוי געהט עס א גאנצען העלען טאג.

אפט געה איך מיט אש'ן דורך דער אלעע פון מימא־זען און אייקאליפטען, קומען מיר צו דעם בערגעל און פון דארט שפאצירען מיר אוועק ווייט, ווייט, ביז צו דער בא־יארע פון „חאוואדזשא מוסאה". ליגט דאס גאנצע לאנד ארום ווי איין שטיק זונענשיין, און דער וועג אויף וועלכען מיר געהען איז פון ביידע זייטען געדיכט בעזוימט מיט פעלד־בלומען פון אלערליי קאלירען.

ריידען מיר פון אלצדינג אין דער וועלט און מעהר ווי אלצדינג פון דער אידישער ליטעראטור. ווארעמט די ליב־טיגע זון ארויס פון אונז בעהאלטענע האפנונגען און פלע־נער, וואס וואלטען אין א וואכעדיגער סביבה ניט דעם מוטה געהאט זיך ארויסצוזאגען. ווערען אלע חלומות אנ־געגורט מיט שמשון׳ס גבורת.

מיר האבען א פארטיגען פלאן ארויסצוגעבען אויף א גרויסען פוס אלע אידישע קלאסיקער אין אן איינהייטלי־כער אויסגאבע, וואס וועט העלפען פערשפרייטען די אי־דישע ליטעראטור און וועט זיין א כבוד און א פרייד פאר אלע פריינד פון דעם אידישען ווארט.

געלד? עס וועלען זיך געפינען מעצענאטען, וואס וועלען זיך אן דעם פלאן אנכאפען. איבריגענס וועלען די פערלעגער אן דעם עסק ניט צולעגען. די אויסגאבע וועט זיין א ריעזיגער ערפאלג און די ביכער וועלען זיך פערקויי־פען ווי מצה־וואסער.

א חוץ דעם פלאן פון די אידישע קלאסיקער, וואס מיר האבען פאר דער גלות־וועלט, האבען מיר נאך א פיעל־ראַ־מאַנטישערען פאר ארץ ישראל.

מיר וועלען נעבען רחובות אפקויפען א גרויס שטיק לאנד און גרינדען א קליינע קאלאניע פון לויטער „יחידי סגולה“, שריפטשטעלער, דיכטער, גרויסע מוזיקער, מא־לערס און סקולפטארען.

מיר זעהען שוין פאראויס ווי די דאזיגע קאלאניע מיט איהרע שעהנע געשמאקפולע ווילאס וועט אויסקוקען.

איטליר הויז — א חלום אין ציגעל און קאלך. פאר יעדען הויז א גארטען פון די שעהנסטע בלומען און פלאנצונגען. די גאסען ברייטע, געפלאסטערטע מיט גראזען פון ביידע זייטען.

אלצדינג וועט זיין א קוויקונג פאר'ן אויג און אן עס־טעטישער תענוג פאר דיכטער און קינסטלער.

מיר הויבען אן אויסרעכענען ווען מיר וועלען אריינגעהמען אין דער דאזיגער קאלאניע. קונדען וועלען ניט פעהלען. עס וועלען נאך זיין צופיעל. וואסער גרויסער אידישער קינסטלער וועט ניט בויען פאר זיך א ווילא אין אונזער „קאלאני ד'עלים" ?

מישא עלמאן, צימבאליסט, שניצלער. ווער רעדט שוין פון די נאציאנאליסטישע אידישע שריפטשטעלער.

אז מיר האבען דערצעהלט פון אונזער פלאן דעם קאר־לאניסט נ.... האט זיך זייז כח הדמיון צעשפיעלט נאך מעהר ווי ביי אונז. א גרויסארטיגער פלאן. אט איז טאקי פאראן א שטיק לאנד ניט ווייט פון דער קאלאניע. עס גע־הערט צו א געוועזענעם קאלאניסט, וואס איז איצטער אין ניו יארק. וועט ער תיכף שרייבען צו איהם. ער גלויבט, אז מע וועט די ערד קריגען אין גלייכען געלד.

הייסט עס מיט לאנד זיינען מיר שוין פערזארגט. מיט קינסטלער וועט זיין א קנאפע דאגה.

אז מיר ריידען פון דעם פלאן ווערט אונז יום־טוב'דיג אויף'ן הארצען.

פיער האבען מיר שוין. אש, ניט איינס: דער זאַמ־לאָג אהרני, ניט צוויי: דער דיכטער פיכמאן, ניט דריי און איך, ניט פיער.

פאראן אין רחובות א יונגער קליין־געוויקסיגער, בלאָנדער אַגראָנאָם פון א יאָהר דרייסיג. זיין פאטער איז א רוסישער איד, וואס האט זיך בעזעצט אין בעלגיען און איז דארט געוואָרען א רייכער דימענט־הענדלער. ער אליין האט אויסגעשטודירט אַגראָנאָמיע און איז אוועק אין בראזיליען, וואו ער האט פערנומען א פראָפעסאָר־שטעל אין אן אַגריקולטור־שולע. פון דארט איז ער געקומען אהער צו זיין דער אויפזעהער איבער דער גרויסער באַיאַרע, וואס זיין פאטער צוזאמען מיט נאך בעלגישע אידען האבען גע־קויפט אין רחובות.

ער בעקענט זיך מיט מיר און מיט אש'ן און לאַדט אונז ביידען איין איהם צו בעזוכען.

ער איז נאך א בחור, אבער ער בעוואוינט א שעהן הויז מיט אזוי פיעל אייראָפעאישע קאָמפאָרטען פיעל מע קען האבען אין רחובות. ער ווייזט אונז זיינע ביכער, זיינע בילדער און אַנטיק־זאכען. מיר איילען זיך ניט מיט אונ־זער בעוואונדערונג. מיר ווארטען ביז ער איז אונז מכבד מיט זיסע ליקערען. ערשט דאן ריהמען מיר זיין פיינעם געשמאַק מיט אמת גוטען געוויסען.

ענדליך —

נעהמט ער ארויס פון א שופלאַד אן עלעגאַנט איינגע־

בונדרענע העפט, און נעהמט מיר פארלייענען זיינע פראנ־צויזישע ליעדער...

ער דעקלאמירט אויסגעצייכענט. די פראנצויזישע נאז־קלאנגען געבען צו זיין דעקלאמאציאן א פייערליכען טאן... איך זעה, אז ער איז שטארק בעגייסטערט פון זיין פארלעזונג. איך זוך מיט די אויגען אש'ן ער זאל מיך אויס־העלפען. וואס עפעס איך אליין?... זעה איך, אז אש האט זיך גאנץ פיין אויסגעטרונקען זיין בענעדיקטין און זיך ארויסגעמאכט אין א צווייטען צימער. מיך געלאזט הייסט עס, אין שטיך. איך וועל עס איהם קיינמאל ניט פערגע־סען...

דאס איז ניט דאס איינציגע מאל וואס אש האט מיך געלאזט אין שטיך.

איין מאל שפאצירען מיר אזוי צוזאמען דורך דער קאלאניע. מיט אמאל געהט־צו צו אונז א יונגער פועל אנ־געטהאן אין בעדואינישע מלבושים. און איידער וואס־ווען, ציהט ער ארויס פון בוזעם — א ליעד...

ער איז א שומר אין א כרם. ער לעבט „נאהענט“ צו דער נאטור, און מיט אויסגעשטערענטע נעכט איז ער אויף „דו“. איז בכן וויל ער הערען מבינות...

שווערט זיך אש, אז ער איז קיין מבין ניט, גיט זיך דער בחור א נעהם צו מיר. דעמזעלביגען תירוץ זאגען פאסט ניט. עס ווילט זיך זיין אריגינעל. הייס איך איהם קומען אן אנדערס מאל.

איז אש געווען צוגאסט אין רחובות און איז אוועק־

געפאהרען, און איך האב דעם אידישיסטישען בערזאינער געהאט דערנאך א לאנגע צייט אויף מיינע הענד...

מיר זיינען געזעסען ארום דעם בליך־לאמפ פון דעם מלון קליוויצקי און האבען גערעדט פון דער יק"א און פון ארגענטינא, און פון אלערליי אנדערע זאכען, ביז מיר זיינען געקומען צו אידישע ליעדער.

זאגט דער גרייז־גראהער פיינבערג, ער וועט אונז דעקלאמירען דאס שעהנסטע ליעד וואס איז דא אין איריש. עס איז א לאנג ליעד אבער ער געדענקט עס אין גאנ־צען אויסוויינינג נאך פון פופציג יאהר צוריק.

האט ער דעקלאמירט יהודה ליב גארדאן'ס ליעד „שמחת תורה". און זיינע אויגען האבען געגלאנצט ווי פאר פופציג יאהר צוריק, ווען די האאר זיינען נאך געווען שווארץ ווי פעך... מען האט געזעהען ווי דאס הארץ געהט דעם אלטען אוים פאר בענקשאפט... דערביי האבען די צוויי ווייסע רייהען פון אריינגעשטעלטע צייהנער משונה געקלאפט איינע אן דער צווייטער...

דער פלאן פון א קאלאניע פון יחידי סגולה האט נושא חן געווען אפילו אין די אויגען פון דעם געשעפטסמעס־גען מיליאנער פ... מיר האבען גערעדט מיט אזא איבער־צייגונג און אזא התפעלות, אז מיר האבען איהם אויך אנ־געשטעקט. פאר זיין אבפאהר האט ער מיך געבעטען אויב עס וועט עפעס ממשות'דיגעס ארויסקומען, זאל איך איהם לאזען וויסען.

איך האָב איהם צוגעזאָגט...

איינער פון די עולי רגל פון וואַרשאַ האָט מיר גע־בראַכט פון מיין שוועסטער אַ פּאַקעט מיט כל־טוב. דערי־נען איז געווען אַ גרויסע געריוכערטע צונג.

איז געבליבען ביי מיר און אש'ן, אַזוי ווי אַ צונג האָ־בען מיר, זאָלען מיר זיך אליין מאַכען אַ באַנקעט, און דער באַנקעט זאָל אָפּגעהאַלטען ווערען אין אהרני'ס הויז.

אַרום ניין אַ זייגער. אין אַ קיהלער שמעקעדיגער נאַכט, האָבען מיר אַנגעפּילט אונזערע קעשענעס מיט גו־טע זאַכען צו עסען און צו טרינקען און האָבען זיך אַוועק־געלאָזט איבער'ן בערגעל צו דעם זאַאַלאַג'ס דירה.

די צונג איז שוין אָוועקגעשיקט געוואָרען לאַנג אַ פריה־ער און אַלע געהעריגע הכנות זיינען געמאַכט געוואָרען פאַר דער סעודה.

אַז מיר זיינען געקומען איז שוין געווען דער טיש געדעקט און די אָבגעבראַטענע וואַרשאַווער צונג האָט זיך גע'חנ'דעלט מיט די צוגעברוינטע ארץ־ישראל'דיגע בול־בעס.

מיר האָבען זיך אַרומגעזעצט אַרום דעם וואַקעלדיגען טיש, ווער אויף דער זאַפאַ, ווער אויף אַ בענקעל, און האָ־בען קודם כל זיך אַריינגעלאָזט אין אַ ויכוח מכח אידיש, ווי אונזער שטייגער איז געווען ווען מיר פלעגען זיך צו־זאַמען קומען. איז געוואָרען אַ ליאַרעם און אַ געפּילדער. אַז מע האָט געקענט הערען פון יענער זייט קאַלאַניע.

אַז מיר האָבען זיך שוין צוקריגט און די גרגרת איז

געוועז איטליכעז טרוקעז פוז שרייעז. האבעז מיר זיך גע־נומעז צו דער סעודה.

מיר האבעז זיך זעהר פייז משמח געוועז. מעהר ניט יעדער מאָל וואס איך האב גענומעז א ביסעז איז מויל, איז מייז אויג געפאלעז אויף אז איינגעמארינירטע יאשמשער־קע, וואס איז געשטאנעז איז א סלאַי אויף דער אנטקעג־געגדיגער פּאָליצע. פלעגט מיר דער ביסעז בלייבעז שטע־קעז צווישעז די צייהנער.

די געשיכטע מיט דער „אילת אהבים". וואס קעז ניט געפינעז קייז אידישעז קונה, איז מיר קיינמאָל ניט ארויס פוז זינעז פוז דעם טאג אז. ווען אהרני האט עס מיר צו־ערשט דערצעהלט.

אז דער פעטערבורגער מיליאנשטשיק איז געקומעז איז אונזער האטעל איז מיר איינגעפאלעז. אז עס וואלט געוועז א יושר גמור איהם צו פעראינטערעסירעז מיט דער דאזיגער חיה. אולי ירחם.

איז רחובות האב איך געהערט. אז ער פערמאגט ניט א קאפּיקע ווענינער ווי פופצעהז מיליאז רובעל. א סברא אז מעהר. איז תל־אביב האט מעז געזאגט. אז פונפצעהז ניט, אבער זעקס לכל הפחות.

קלער איך, דריי מיליאז האט ער דאך אודאי, און אזוי ווי אפּקויפעז די „אילת אהבים" קעז מעז מיט א פיער־פינף הונדערט רובעל, וועט ער דאך אווארט ניט זאגעז און וועט גלייך אז עפּעז טהאז דעם בומאזשניק:

— אזא קלייניגקייט, פּאזשאלוסטא...

האָב איך מיט אַש׳ן איהם אַריבערגעפיהרט צו אהרני׳ן, האָט איהם דער זאַלאַג בעוויזען זשוקעס, ביע־נען, פליגען, מייז און פויגלען, און מיר זיינען געשטאַנען דערביי און האָבען געהאַלטען אין איין כאַפּען התפעלות...

דערוויילע ציה איך ארויס דורך אַ קונציגען קרייד־פערהער פון אהרני׳ן דעם גאַנצען ספור פון זיין זאַלאַגי־שער טהעטיגקייט, און פון דער שטיצע וואָס ער קריגט נ י ט און פון די אונגעהייערע שוועריגקייטען אונטער וועלכע ער מוז אָנפיהרען זיין ארבייט און — פון דער „אילת אהבים". זאָל דער גביר וויסען:

שלום אַש צעהיצט זיך און שיט פער־און־שוועבעל אויף דער אונדאַנקבאַרקייט פון דעם כלל־ישראל. איך האַלט אין איין שרייען, אַז אַז עגלה ערופה וועט מען דאַר־פען בריינגען און קוק מיט אַ ווינקעל פון אויג אויף׳ן גביר.

הערענדיג אונזערע דבורים דערמאַנט זיך מאַדאַם אהרני אַז זייער קלאַגעדיגען מצב און שיסט אוים מיט אַ ביטערען געוויין...

לאַנג לעבען זאָל מאַדאַם אהרני.... איהר געוויין איז איצט ווי געוואונשען.

דער מיליאָנשטשיק שוויינט, אַבער איך וויים, אַז ער איז טיעף געריהרט... כמדומה לי, אַז זיינע אויגען זיינען אַ קאַפּעלע פייכט. די „אילת אהבים" איז שויז אונזערע, און אויב איך מאַך קיין טעות ניט, וועט אהרני האָבען אַז אייגען הויז און אַ יעהרליכע סטיפּענדיע.

אַבער מיר לאָזען ניט אָפּ. עס איז נאָך געבליבען אַ סלאַי מיט אַ קליינער שלאַנג. זאָל ער ד אַ ס אויך

זעהן. זאל ער זעהן אהרני'ס גרויסקייט און געבען ביך נדיבה...

דער מיליאנשטשיק האט געטהאן א קוק, און זיין האנד האט זיך אויפגעהויבען...

מיין הארץ טהוט א שפרונג. דאס געהט זי צום בומאזשניק.

וויפיעל אז ערד ? א טויזענדער מסתמא, און א צר זאג אויף גאר, שפעטער.

די האנד הויבט זיך און הויבט זיך און שטעלט זיך אפ קעגען — מויל...

דער מיליאנשטשיק טהוט א שטארקען געגעץ און זאגט : —

— שוין שפעט, צייט שלאפען...

XXXVI.
די חגיגה

די זיינען צו שפּאַטען געקומען,
אונז וואָז איז געבליבען דער שפּאַט ?
זיי זיינען צו צווייפלען געקומען
אונז האַבען געפונען אַ גאָט...

האָט אויג אין אַ אויג זיך געבאָדען,
אונז האַרץ צו אַ האַרץ האָט געגנעהנט,
האָט רינג אין אַ רינג זיך געקייטעלט,
אונז ברודער האָט ברודער דערקענט...

אונז ווער האָט בעוויזען דעם וואונדער ?
אונז ווער האָט דעם שופר געשאַלט ?
געה פרעג ביי די בוימער בעזונדער :
אין וועמען פון זיי איז דער וואַלד...

טייערער...

...אויף מיין מזל איז די זיבעטע יעהרליכע חגיגת עממית (פאָלקס־פעסט), אָדער ווי מע רופט עס קורץ, די „חגיגה", נאָך אַלעמען דאָך אָפּגעהאַלטען געוואָרען היינ־טיגען חול המועד פסח, אין רחובות.

צוליעב דעם מאָרד־פּראָצעס וואָס די אַראַבער פון דעם דערבייאינגען דאָרף זאַרנוקאַ האָבען מיט די קאָלאָ־

ניסטען פון רחובות, האט מען לכתחלה גערעכענט, אז עס וועט זיין בעסער ניט אויפצורייצען די שכנים דורך א גרויסע אידישע פערזאמלונג. דערצו נאך האט פתח תקוה, די גרעסטע אידישע קאלאניע אין יהודה, שוין לאנג מקנא געווען רחובות איהר „חגיגה" און האט געוואלט דעם יום־טוב אריבערברענגען צו זיך. איז אבער געבליבען אז מע טאר דעם מנהג ניט ברעכען. שוין זיבען יאהר ווי די רחובות'ער האבען אויף דעם פאלק־פעסט א חזקה. האט מען געמאכט די „חגיגה" אין רחובות, און עס איז ארויס־געקומען נאך שעהנער און יום־טוב'דיגער ווי אלע מאל.

די הכנות פאר דעם גרויסען יום־טוב האבען זיך אנ־געהויבען נאך מיט וואכען צוריק. די מיטגליעדער פון דעם ועד־החגיגה זיינען אלע געווען פערהאוועט און פער־נומען. מע האט ראשית בעדארפטאפרייניגען און ארומ־צאהמען דעם „מקום החגיגה" — א גרויסען פרייען פלאץ נאהנט פון דער קאלאניע. דערנאך האט מען געמוזט אויפ־שטעלען ביידלעך פאר די פערשיעדענע אויסשטעלונגען, א בימה פאר די רעדנער, שטאנגען צו קלעטערען א. א. וו., אחוץ דעם איינריכטען א ביליגען מזנון (בופעט) אונטער'ן פרייען הימעל, כדי די וואס קומען פון דער פרעמד זאלען קענען, פאר א פאאר מעטעליק קריגען מצה, אייער, הע־רינג און קאווע אדער טהעע.

און געארבייט האבען אלע אויף דער צוגרייטונג פון דער „חגיגה" מיט דער זעלביגער פלייסיגער אויפגעראמט־קייט און התלהבות, מיט וועלכער פרומע אידען וועלגערען מצה שמורה.

וואָס אַ טאָג נעהנטער צו דער „חגיגה", איז מען גע־וואָרען אַלץ פיעבערישער און אומגעדולדיגער. מע האָט דערמאָנט די „חגיגה" פון פאַר־אַ־יאָהרען, און פאַר צוויי יאָהרען און פאַר דריי יאָהרען. מע האָט געבעטען גאָט עס זאָל ניט רעגענען און די שמחה זאָל ניט צושטערט ווערען, און מע האָט אויסגערעכענט די גרויסע געסט וואָס וועלען היי־יאָהר קומען.

דעם גאַנצען פריה־מאָרגען פון דער „חגיגה" און אַ טאָג פ אַ ר דעם, זיינען אַלע וועגען וואָס פיהרען אין דער קאָלאָניע געווען שוואַרץ מיט מענשען. יונגע לייט זיינען געקומען אויף פערד וואָס זיינען געווען בעהאַנגען, אויפ'ן בעדואינישען שטייגער, מיט טראָדלען און מיט פרענז. אַנדערע זיינען געריטען אויף קליינע אייזעלעך וואָס זיינען געווען פיעל שטאַרקער ווי זיי האָבען אויס־געזעהן. דאָ און דאָרט האָט געשפּרייזט אַ קעמעל הוידענ־דיג אויף זיין הויקער אידישע מיידלעך פון אַ דערבייאיגער „מושבה". וועגען, בריטשקעס, קאָטשען און דיליזשאַנסען אָנגעפּאַקט מיט פּאַסאַזשירען און צווישען זיי אַ גרויסע מחנה פון פוס־געהער, האָבען זיך געצויגען איבער די זאַמ־דיגע טראַקטען, אין דער קאָלאָניע אריין.

די יפו־ירושלים באַהן־געזעלשאַפט האָט צוליעב דער „חגיגה" געהאַט אַ ספּעציעלען צוג פון יפו קיין רמלה. פון דאָרט איז מען אויף אייזלען געקומען קיין רחובות.

אין אונזער האָטעל איז געווען ניט אַ שפּילקע אַריינ־צואוואַרפען. עס זיינען געווען געסט פון אַלע טיילען פון אייראָפּא, פון אַמעריקא, פון ניי־זעעלאַנד... די גאַנצע קאָ־

לאניע האט געזומט ווי א ביען־שטאק. דאס וועטער איז געווען ווי צוגעפאסט פאר'ן יום־טוב.

ס... וואס איז אהער געקומען מיט דער ציוניסטישער „רעוויזיאנס קאמיסיאן", איז איינגעלאדען געווארען צו האלטען דעם „נאום החגיגה" (פעסט־רעדע). ס... איז נים פון די נערוועזע נאטורען און נים קיין שטימונגס־מענש. ער האט שוין אין זיין לעבען אזוי פיעל געשריבען און גערעדט ביי אלערליי געלעגענהייטען, אז עס איז גע־ווען שווער זיך פארצושטעלען אז ער זאל זיין אויפגערור־דערט און צוטראגען, אדער האבען אימתא דצבורא, איי־דער ער האלט א רעדע.

אבער היינטיגס מאל איז ער יא געווען צוטראגען און צורודערט. דאס האט מען געקענט זעהן אויף זיין געזיכט. די קדושת היום, דער הייליגער ערנסט פון דעם מאמענט האט זיין געוועהנליכע לייכטקייט און זיכערקייט פון איהם אפגענומען...

דער מאמענט איז געווען אזוי פיעל גרעסער פון איהם און פון אלע זיינע גלענצענדע עפיגראמען...

איצט בין איך א „חאדוש". די אראבער רופען מיט דעם נאמען איינעם, וואס איז אין מעקא געווען, און האט די הייליגע קא'אבא געזעהן. איך בין אין רחובות גע־ווען און האב די „חגיגה" געזעהן. ד ע ם טיטעל וועל איך מיר איצט נעהמען...

איך בין געשטאנען נעבען דעם „בית־עם". ארום מיר האט געווימעלט א טויזענד־קעפיגער עולם אנגעטהאן אין

אלערליי אריענטאלישע און האלב־אריענטאלישע מלבושים. מע האט זיך צונעגרייט צו דער „תהלוכה" (פראצעסיאן) ארום דער קאלאניע, מיט וועלכער די „חגיגה" הויבט זיך געוועהנליך אן. פון אויבען האט אראפגעקוקט א בלאער הימעל, אן ארץ ישראל'דיגער הימעל, און די זון, אן ארץ ישראל'דיגע זון, האט אלע קעפ בעשאטען מיט שטראהלען. מיט אמאל האט דער „תזמרת" (ארקעסטער) פון ראשון לציון אויפגעשפיעלט א לוסטיגען מארש און אלע הערצער האבען א פלאטער געטהאן... און איך האב געוואוסט, אז דאס וואס טאנצט און ציטערט איצט אין מיר, טאנצט און ציטערט אין די אלע טויזענדער וואס איך זעה ארום זיך, די זעלביגע לייד־דען געליטען און איצט דיזעלביגע שמחה ביי אונז אלעמען...

א פאלק איז תחית המתים אויפגעשטאנען. ווי איז דאס געשעהן? ווער האט דאס צושטאנד געבראכט? ווער האט דעם נס בעוויזען? ווער איז דא דער משיח און דער גואל געוועזען?

נעבען מיר איז געשטאנען א סוחר פון רוסלאנד. א פראקטישער אידשער פקח וואס האט זיך א גאנצען פריה־מארגען געוויצעלט און געמאכט צו קליין־געלד אלצדינג און אלעמען... אויף אלצדינג האט ער געהאט אן המצאה אדער א ציניש ווערטעל. האט ער זיך איצט אפגעקעהרט אן א זייט פון מיר, איך זאל זיינע טרערען נים זעהן...

שפעטער בין איך געשטאנען אויף איינעם פון די בערגלעך פון וועלכע מע לאזט זיך אראפ צו דעם „מקום

החגיגה", און האב געקוקט אויף דער גרויסער מענשען־מאסע.

דאס רוב זיינען געווען אנגעטהאן אין ווייסע אדער שטרויענע היט און אז זיי האבען זיך בעוועגט, האט עס אויסגעזעהן פון דער ווייט אזוי ווי א לייכט זומער־ווינדטעל וויעגט און צובלאזט א פעלד געדיכט בעוואקסען מיט ווייסע און געלע ראמאשקעס...

האט זיך ס... אויפגעשטעלט אויף דער בימה און ער האט גערעדט העברעאיש און האט געזאגט: —

„דער פאטער פון ציוניזם האט געזאגט: אויב איהר ווילט, איז דאס ניט לענגער קיין לעגענדע. און איך זאג מ ע ה ר, צי איהר ווילט יא צי איהר ווילט ניט, עס איז ניט מעהר קיין לעגענדע...

און הינטער דעם רעדנער ווייט ווייט אוועק האבען זיך געשפרייט די גרינע מאנדעל־גערטנער און די זילבער־גראע אליוועז־גערטנער און נאך ווייטער, האבען די הרי־יהודה הינטער זייער דינעם נעבעל־גארדין, זיך די אויגען געריבען:

— ווען האבען זיי אזא יום־טוב געזעהן?...

און אז ס... האט געענדיגט זיין רעדע, האבען די איר־דישע שומרים פון זייערע ביקסען אין דער לופט געשאסען, און אידישע רייטער האבען בעוויזען אלערליי „פאנטא־זיאס" אויף זייערע פלינקע פערד...

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס זיינען געווען אויסשטעלונגען פון פערשיעדענע

פראָדוקטען פון דעם נייעם ישוב. אָרעם, ווינציג, אָבער דער פעסטער גוטער ווילען אומעטום...

איך בין צוגעגאַנגען צו דעםביידעל וואו עס איז געווען אויפגעשריבען:

„תעשית בשח מפרחי הכרמל והשרון" (פאַבריקאַציאָן פון פערפומען געמאַכט פון כרמל־ און שרון־בלומען).

האָב איך געקויפט אַ פלעשעלע. איך האָב געוואָלט האָבען אַ דופטיגען זכר פון דער שעהנער חגיגה...

איך האָב געקוקט אויף דעם קליינעם פלעשעלע, געמאַכט אין עסטרייך אָדער אין דייטשלאַנד און אָנגעפילט מיט כרמל און שרון...

ווערטה זיך צו פערטראַכטען... כרמל און שרון אַליין איז ניט גענוג. מיר ווערט אין ארץ ישראל די ראָלע פון דעם גלות אַלץ קלערער, און קלערער ווערען מיר אויך די פערמעגענס וואָס מיר האָבען ווילענדיג, ניט ווילענדיג אויף אונזער וואַנדערונג אַנגעזאַמעלט, די ליי־טערונג און די רייניגונג וואָס מיר האָבען געקריגען... אַ קוק אויף די שפלות פון די אַראַבער פאַר וועמען דער שטענדיגער זונענשיין איז געוואָרען שטאַט אַ ברכה — אַ קללה, איז מיר גענוג דאָס קלאָר צו מאַכען. דער איסלאַם געבאָרען אונטער די בלאַסטע הימלען און אין אַ ים זונענ־שיין, איז די מרה־שחורה'דיגסטע אמונה פון דער וועלט...

...וויפיעל האָבען אונז די שנעען און די צפון־שטער־רעמס געגעבען!... איצט וועלען מיר די עשירות פון די שנעען איבערפלאַנצען אין דעם לאַנד פון אייביגער גרינ־קייט, דעם שטורעמ'ס און דעם ווינטער'ס מתנות — אין

דעם לאנד פון שעהנקייט און ליכטיגקייט... ארויסשפראַכען וועט א וואונדער־שפּראַצונג, א צונויפפּאארונג פון דעם אריענט וואס האט דער וועלט א גאט געגעבען, און דעם אקצידענט, וואס האט דעם מענשען געשאַנקען זיך אליין און איהם געלערענט דעם געגוס פון זיין אייגענער קראפט...

ווי טייער ארץ ישראל זאל אונז ניט זיין, איז זי דאך ניט גענוג טייער מיר זאלען זי אננעהמען אין חלוף פאר אונזער חלק אין דער גרויסער שותפות־ירושה פון די פעלקער... מיר וועלען זיך פון גארנישט אפזאגען, און אז איינציגען טריט אהינטער וועלען מיר ניט געהן. ארץ ישראל זאל זיין פאר אונז כלו ריות.

...מיר זיינען ווידער עולי רגל... אבער זעה וואוהין ? ניט צו די קאלטע וועגד פון ירושלים, נאר צו דעם לעבעדיגען פרישען וואקסענדען לעבען... מיר זיינען עולה־רגל צו די גילדערנע אראנזשען, צו די וויינשטאקען...

אפילו אונזערע זקנים וואס קומען אין ארץ ישראל נאט דיענען, הויבען אן צו פערשטעהן, אז דער גאט פון ישראל רוהט צווישען כרמים און מאנדעל־גערטנער... מיר האבען דא אכציג און ניינציג יאהריגע זקנים וואס האבען זיך בעזעצט אין רחובות כדי צו קענען זיצען יומם ולילה און לערנען...

אלע אונזערע ביזהעריגע יום־טובים זיינען דערמאַנונגען געוועזען. אט איז אן ערשטער יום־טוב וואס איז ניט א דערמאַנונג, נאר א קבלת־פנים פאר דער צוקונפט...

...איצט הער איך שוין ווי די קאנספען פלאצען. איך

וויס, אַז אומעטום וואַקסט עס און מעהרט זיך. און מיין נוסח איז דער אַלטער : „עס מעג זיך זאַמען, אָבער יעדען טאָג וואַרט איך דערויף עס זאָל קומען...” עס איז ש ו י ן געקומען. דער אונטערבאַדען איז פול ווי אַן אויג מיט זאַפטען און אַלץ וואָס מיר וועלען זען און פּלאַנצען, וועט געראָטען. אַ שפע וועט זיין...

די ווייטע, ווייטע צוקונפט שטרעקט אויס איהר האַנד און שליסט זיך צוזאַמען מיט דער אַלטער פערגאַנגענהייט און שלעפּט זי אַריבער צו זיך... א י ב ע ר אונז און ד ו ר ך אונז, צי מיר ווייסען עס יאָ אָדער ווייסען עס ניט, געהט אַן דיראַזיגע צונויפשליסונג...

ווערט מיר דאָס האַרץ אַזוי פול און מיך שטיקט דאָס איבעררייכטום. איך וואָלט עס וועלען איין גרויסען גליהענדען וואָרט אַרויסגיסען. אָבער מיר איז עס ניט בעשעערט... איך בין מקנא דעם וואָס וועט זינגען דאָס גרויסע ליעד פון ארץ ישראל. דאָ אויף דער ערד פון ארץ ישראל וועט עס געשאַפען ווערען.

עס וואַקסט דאַסדאָזיגע שעהנע גרויסע ליעד און דער גאָט־געבענשטער וואָס וועט קומען, וועט עס אַרונטערפליקען אַזוי לייכט ווי איך פליק אַ געלע מאַרגעריטקע...

— — — — — — — — — — — — — — —

אין אָבענד איז געווען אַ קאָנצערט אין „בית־עם”. עס זיינען אויך געווען פייער־ווערק און די מושבה איז געווען פול מיט געזאַנגען. די צוויי האָטעלען האָבען געהאַט פּלאַץ בלויז פאַר ווייניגע. די גאַסטפריינדליכקייט פון די קאָלאָניסטען איז צו הילף געקומען. אָבער אַ גרויסע

צאהל האט געמוזט שלאפען אונטער'ן פרייען אויסגע־שטערענטען הימעל...

צוויי מיידלעך זיינען אויף א ברייטען בוים ארויפגע־קראכען, און האבען דארט די נאכט ווי עס איז צוגע־בראכט...

— — — — — — — — — — — — — — —

עס איז א זכות דא צו זיין. אז דו וועסט אהער, אין דעם שעהנעם לאנד קומען, וועסטו אליין שעהנער ווערען, און וועסט אליין פון זיך הנאה האבען...

דיין...

XXXVII.

אַבו־שושאַ

ע... אַמאָל אין זיין יונגענד אַ ראַדיקאַל און איצט אַ הייסער ציוניסט, האָט מיר, דר. זשיטלאָווסקי׳ן, וואָס איז מיט אייניגע טעג צוריק אָנגעקומען, און אַ הויכגעוויקסינער דאַמע, וואָס רעדט דייטש מיט אַ רוסישען ריח און רופט זיך דר. קאַהן — איינגעלאַדען זיך דורכצופאָהרען מיט איהם אין דעם אַראַבישען דאָרף אַבושושאַ, וואָס ליעגט צופוסען פון די הרי יהודה.

ע... וואוינט אין לאָנדאָן, אָבער זינט אַ קורצער צייט איז ער אין פּאַלעסטינאַ. אין שותפות מיט אַ גרופּע פון רייכע רוסישע אידען, האָט ער אָפּגעקויפט אַ גרויס שטיק לאַנד נעבען „אַבו־שושאַ“ און וויל דאָרט אויפבויען אַ אַרדישע קאָלאָניע.

נעבען דעם פּלאַץ וואו עס געפינט זיך איצט דער אַראַבישער דאָרף איז אַמאָל געשטאַנען די שטאָדט „גזר“, וועלכע ווערט פיעל דערמאָנט אין תנ״ד און אויך אין די טאַוולען, וואָס מע האָט געפונען אין תל־על־אַמאַרנאַ. פון דער דאָזיגער „גזר“ ווערט עס דערצעהלט אין יהושע, אַז ווען די אידען זיינען אריין אין ארץ ישראל „האָבען זיי דעם

כנעני פון דארט ניט פערטריבען, און דער כנעני איז גע־בליבען וואוינען צווישען דעם שבט אפרים ביז היינטיגען טאג, און ער האט געצאהלט צינז".

ארויספאהרענדיג פון רחובות איז דער וועג געגאנגען דורך גערטנער און פעלדער, און פון ביידע זייטען האט זיך דאס אויג געקוויקט מיט זון־בעגאסענער גרינקייט. באלד אבער איז די געגענד געווארען אפגעלאזען. ארעם און האלב־וויסט. דער וועג איז געווארען פעלזיג און שטרויכ־בעלדיג, און וואס ווייטער אלץ שטייניגער און וויסטער. מ'האט געקענט זעהען, אז זעלטען ווען פאהרט דא עמיצער דורך.

ערטערווייז איז דער יונגער אידישער אראבאדזשי גע־פאהרען גלאט אין דער וועלט אריין. אהן א שום וועג, אי־בער שטיינער און צווישען פעלזען, און מע האט זיך גע־מוזט גוט צוהאלטען אויב מע האט ניט געהאט בדעה ארונטערצופאלען.

אויף'ן וועג האט פאסירט א קליינער צופאל, וואס האט געקענט האבען שווערע פאלגען, ווען מיר אלע מיט ע... בראש וואלטען זיך ניט אריינגעמישט אין צייט.

מיר האבען דערפון געלערענט, ווי לייכט עס קען אפט קומען צו בלוטיגע צוזאמענשטויסען צווישען אידען און אראבער, צוליעב דער ניט־פארזיכטיגקייט אדער חוצפה פון אז אונפעראנטווארטליכען נפש.

כדי אויסצומיידען די שטיינער, איז דער אנטרייר־

בער, אַ האַלב אַראַביזירטער ארץ־ישׂראל׳דיגער בעל־עגלה, מיט אמת פוהרמאַנסקען יושר, אַרויפגעפאָהרען אויף אַ פּריש־צעאַקערטען שטיק פעלד. אַן אַראַבער, קענטיג דער בעל־הבית האָט עס פון ווייטען דערזעהן און האָט איהם צוגעשריען ער זאָל אַראָב פון זיין פעלד. אָבער שטאָט צו געהאָרכען, האָט דער בעל־עגלה אָנגעהויבען זידלען דעם אַראַבער בקול רם און איז דערווייל געפאָהרען אַלץ וויי־טער אויף די אויפגעאַקערטע בייטען.

איז דער אַראַבער געוואָרען אַן אָנגעצונדענער. האָט ער זיך האַסטיג איינגעבויגען, אַ כאַפּ געטהאַן אַ שטיין און זיך געלאָזט לויפען צו אונז. נאָך אַ פּאָאר אַראַבער, וואָס האָבען פון די דערבייאיגע פעלדער צוגעזעהן די עזות פון דעם פוהרמאַן, האָבען זיך אויך אַ לאָז געטהאַן אין אונזער ריכטונג. זיי זיינען אַלע געווען שרעקליך אויפגעבראַכט.

ווער ווייס וואָס פאַר אַן אומגליק עס וואָלט געשעהן, ווען ע... און מיר אַלע וואָלטען זיך ניט אריינגעשטעקט. דער קוטשער האָט זיך ניט אַנדערש געריסען פאָהרען וויי־טער, און מע האָט קוים מיט געוואָלט איהם צוריקגעהאַל־טען.

דאָס ביסעלע אַראַביש וואָס ע... האָט זיך אויסגעלע־רענט אין דער קורצער צייט, וואָס ער איז אין פּאַלעסטינא, איז איהם איצט זעהר צוניץ געקומען. מיט זיין הייפעלע ווערטער, אַרויסגערעדט מיט אַ „ציוניסטישען“ אַקצענט, איז איהם דאָך ווי עס איז געלונגען צו בערוהיגען די אויפ־געריגטע אַראַבער, און די געשיכטע איז אַריבער בשלום.

איך האָב זיך אין האַרצען געשעהמט... אין אַמעריקאַ

וואלט דאד א פארמער פאר אזא נידערטרעכטיגקייט זיין ביקס געברויכט. און וואלט ער געשאסען, וואלט איהם די דזשורי איינשטימיג פרייגעשפראכען...

וואס נעהענטער מיר זיינען געקומען צו די הרי־יהודה אלץ מעהר האבען זיי פערלוירען דעם חן פון נע־בעלהאפטיגקייט און פער'חלום'טקייט, וואס זיי האבען, ווען מע קוקט אויף זיי שטעהענדיג אויף איינעם פון די בערגלעך ארום רחובות.

דער בלאהער שלייער איז נעוועזן אראפגעריסען, און עס האבען זיך ענטפלעקט גראהע, מיאוסע, קרעציגע בארג־רוקענס.

מיר זיינען געווען פנים אל פנים מיט די העסליכע וואכעדיגע ווירקליכקייט...

ענדליך זיינען מיר אנגעקומען אויף דעם ארט פון דעם אלטען „גזר". פון אלע זייטען האבען זיך געזעהן אפע־נע גריבער און אנגעשאטענע ערד־הויפענס, סמנים פון די אויסגראבונגען וואס דער בעריהמטער מאק־אליסטער צו־זאמען מיט אנדערע ענגלישע ארכעאלאגען האבען דא גע־מאכט.

די דאזיגע אויסגראבונגען זיינען געמאכט געווארען מיט א יאהר צעהן צוריק, אויף א זעהר גרויסען מאסשטאב און האבען געדויערט מעהרערע יאהר נאכאנאנד. שיכט נאך שיכט האבען זיך ארויסגעוויזען די שפורען פון די

פערשיעדענע פעלקער. וואס האבען אין פערשיעדענע צייר־
טען דא געוואוינט.

צוערשט קומען די „חורים" פון חומש. וועלכע האַ־
בען געוואוינט. ווי זייער נאמען בעדייט („חור" — לאך.
הייהל). אין לעכער אדער הייהלען. זיי האבען דא געלעבט
ביז אן ערך פינף טויזענד יאהר צוריק.

שפעטער מיט א יאהר פינף הונדערט. ווען די סעמי־
טען האבען אנגעהויבען אריינשטראמען אין פאלעסטינא.
האבען די כנענים פערנומען דעם פלאץ פון די „חורים"*)

נאך שפעטער האבען די קיניגען פון מצרים פער־
שפרייט זייער ממשלה און זייער עגיפטישע קולטור איבער
„גזר".

אין מלכים שטעהט: „אין געקומען פרעה דער קיניג
פון מצרים און ער האט בעצוואונגען די שטאדט גזר און
ער האט זי פערברענט אין פייער, און דעם כנעני, וואס
האט דארט געוואוינט, האט ער אויסגע׳הרג׳עט און ער
האט די שטאדט געגעבען אין נדן צו זיין טאכטער, די וייב
פון שלמה׳ן".

„לעהמענע" דאקומענטען. וואס מע האט געפונען אין
די אויסגראבונגען. בעווייזען. אז די מצרים האבען קיינ־
מאל „גזר" אין גאנצען פון זייער האנד ניט ארויסגעלאזען.

---

*) עס איז כדאי דא צו דערמאנען, אז מאקאליסטער׳ס אויס־
גראבונגען האבען צווישען אנדערע מערקווירדינקייטען ארויסגעבראכט
דעם פאקט, אז די אור־אלטע פעלקער פלעגען מקריב זיין צו זייערע
אפגעטער חזרים, און דאס זאל געווען זיין דער טעם פארוואס
משה האט די בני ישראל פערבאטען צו עסען די דאזיגע אומווער־
דינקיים.

מעהר ווי די הכנסה האט די עגיפטישע פרינצעסין ניט געהאט. און נאך איהר טויט האט מען דעם נדן גאנץ שעהן צוריקגענומען.

הייסט עס, אז מיר זיינען געפאהרען אויף שלמה'ס נדן. איצט וואלט א געפאלענער בעל־הבית ־זיך גע־שעהמט צו געבען אזא נדן. א דאקטאר קריגען וואלט מען דערפאר ניט געקענט. דאס איז זיכער. און דעמאלט האט מען פאר אזא נישטיגע נחלה געקענט כאפען פאר אן איי־דעם דעם מלך פון אלע חיות און עופות און שדים. און דעם פערפאסער פון אזא פאפולערען ווערק ווי שיר־השירים. און נאך מיט א תנאי, אז נאך דעם טויט פון דער ווייב זאל זיין אויס נדן.

איבריגענס זאגט ע..., אז די ערד איז דא זעהר פרוכט־באר. און דאס וואס ניט די „חורים" און ניט די „כנענים" און ניט די „פרעה'ס" האבען געקענט צו שטאנד ברענגען, דאס וועט ער מיט דער הילף פון מאדערנע אגריקולטור צו שטאנד ברייגגען.

מיר זיינען ארויפגעפאהרען אויף א קליינעם בארג און אריינגעפאהרען אין „אבו־שושא", א טיפישער אראַ־בישער דארף. די געסלעך שמאלע, געדרעהטע, און די הייז־לעך, אדער ריכטיגער געזאגט, קאנורעס, פון לעהם אהן פענסטער, צונויפגענורעט אין הויפענס, פול מיט מיסטרוי צו גאט'ס שעהנער, ליכטיגער וועלט, און קופעס מיסט אנגעוואליעט פון גאט ווייס וויפיעל דורות, צו דערזעל־

ביגער צייט וואס די פעלדער ארום נעהען איין פון יאהר צו יאהר, און בעטען זיך מע זאל אויף זיי א הייפעל מיסט ארויפוואַרפען.

אהן א נוץ בלייבט דער הויפען מיסט דאך נים. אין דעם אַראַבישען דאָרף פערטרעט דאָס מיסט־בערגעל דעם אָרט פון א פריזבע אין דער ליטע. אהין פערקלייבט מען זיך געוועהנליך צו רויכערען און צו שמועסען, אָדער גלאַט אזוי צו ליגען אויסגעצויגען און פוילענצען אין דער זון.

אונזער וואגען האט זיך קוים מיט מיה דורכגעדרעהט דורך די ענגע געסלעך, ביז מיר זיינען ווידער געווען ארויס פון דאָרף.

קומענדיג צום שפּיץ בארג, איז דער וואגען אריינגע־פאָהרען אין א הויף ארומגעמויערט מיט א דיקער שטיי־נערנער וואנד, און האט זיך אפּעשטעלט נעבען א הויכען שטיינערנעם בנין.

מיר זיינען ארונטערגעקראָכען פון וואגען מיעדע און צובראָכענע פון דער טרייסלעניש פון וועג.

דער אויפזעהער, א יונגער נעטער אַראַבער, איז אונז ארויס אַנטקעגען, און נאָך א פריינדליכען „מארחאַבאַן“, האט ער אונז געבראַכט אויף׳ן צווייטען עטאַזש, אין א בעקוועמען זויבערען צימער, וואס ווערט שטענדיג געהאַל־טען גרייט פאַר געסט.

די שטיינערנע ק־הלקייט פון דעם צימער איז געווען אַן ערפרישונג נאָך די הייסע שטראַהלען, וואס האבען אונז געבראָטען די גאַנצע צייט פון אונזער פאָהרען.

ווי אַז ערפאַהרענער רייזענדער, האָט ע... מיטגע־בראַכט צידה לדרך פון דעם האָטעל אין רחובות. דער יונ־גער אַראַבער האָט געגרייט צום טיש און מיר האָבען זיך תיכף גענומען צו דער סעודה. נאָך׳ן עסען איז געקומען שוואַרצע קאַווע אין קליינע שעלכעלעך אויף׳ן אַראַבישען שטייגער.

די גאַנצע צייט האָב איך געהאַט דאָס געפיהל, ווי איך בין אין אַ טהורעם פון אַ רויבער־באַראָן אין מיטעלאַלטער. דאָס הויז, די דיקע מויער אַרום, און די אָפּגעזונדערטקייט האָבען געמאַכט דעם איינדרוק מעהר פון אַ פעסטונג ווי פון אַ וואוינונג פאַר מענשען.

געענדיגט אונזער קאַווע, זיינען מיר אַרויס אויף׳ן באַלקאָן, און האָבען געהאַט פאַר זיך די פּרעכטיגסטע פּאַ־נאָראַמאַ וואָס מיר איז ביז איצט אויסגעקומען צו זעהן אין ארץ ישראל.

דער גאַנצער טהאָל פון שרון איז געווען אויסגע־שפּרייט פאַר אונזערע אויגען אין אַלערליי בונטע קאָלירען. אָט איז די קאָלאָניע עקרון, און אָט דאָרט איז רחובות און נאָך ווייטער ראשון לציון, און אָט אין אַ אַנדער זייט איז רמלה ; אָט איז דער שפּיץ פון מאָשיי און אָט איז דער קלויסטער. און ווייט ביים האָריזאָנט אַ פּאַס פון ים הגדול...

די לופט איז געווען באַלזאַמדיג און קלאָר. די לאַנד־שאַפט אַ זאַנפטע און בערוהיגענדע, און ווי צוגע־פּאַסט פאַר אַ שטילען אַגשוויליכען לעבען...

זיצענדיג אויף דעם באַלקאָן האָט אונז ע... דער־

צעהלט די געשיכטע פון דעם מערקווירדיגען בנין און פון דער דיקער מויער.

די געשיכטע איז לחלוטין ניט געווען אין איינקלאַנג מיט דער זאַנפטער שעהנקייט פון דער געגענד, וואָס איז געווען פאַר אונזערע אויגען.

מיט יאָהרען און יאָהרען צוריק איז געקומען אין ירושלים א דייטשער איד. ער האָט זיך ביטער געפּלאָגט און געליטען גרויס נויט, ביז ער איז איין טאָג אוועק צו די מיסיאָנערען און האָט געמאכט א חילוף — א נשמה אָהן אידישקייט פאַר געלד מיט קריסטליכקייט.

ווי נאָר ער האָט זיך גע'שמד'ט האָט עס איהם אָנגעהויבען געהן דורך טיהר און דורך טויער. און אזוי שנעל ווי ער האָט זיך דערשלאָגען צו א סומע געלד, איז ער געוואָרען א פּראָצענטניק. ער פלעגט אנטלייען די אראבישע פעלאחין געלד אויף מורא'דיג גרויסע פּראָצענטען, און אין משכון פלעגט ער נעהמען זייער לאַנד.

על פּי רוב פלעגט דער חוב און די פּראָצענט וואקסען און וואקסען אזוי לאַנג, ביז דאָס לאַנד פלעגט איבערגעהן אין זיינע הענד.

אויף אזא אופן איז ער געוואָרען דער אייגענטימער פון א שטיק ערד אין „אבו שושא", וואו ער האָט זיך מיט דער צייט בעזעצט. פון דאנען ארויס האָט ער אזוי ווי א שפּין פערשפּרייט זיין נעץ אויף די ארומיגע אראבער, און האָט אויסגעזויגען זייער האָב און גוטס.

די פעלאחין האָבען איהם פיינט געהאַט ווי א „שאַי־טאַן" און האָבען זיך געצאפּעלט אין זיינע בענעל.

האט ער בעשלאסען זיך דא אויפצובויען א הויז און
דאס הויז צו מאכען וואס שטארקער און בעפעסטיגטער.
ער האט געוואוסט אז די פעלאח'ן האבען איהם פיינט.
אבער אין דער שטיינערנער פעסטונג האט ער זיך געקענט
אויסלאכען פון זייער האס.

די מפלה פון דעם משומד־פראצענטניק איז געקומען
דוקא ניט צוליעב זיינע פראצענטען, נאר צוליעב — א
שעהנער אראבערקע, אויף וועלכער ער האט געווארפען אן
אויג אדער אויסגעשטעקט א האנד...

האט איין טאג א קויל פון אן אראבער געמאכט אן
ענד צו זיין גייציגקייט מיט זיין ליעבע צוזאמען...

XXXVIII.

אומגעדולד

פון ים צו ים פון לאַנד צו לאַנד,
אומזיסט דעם זאַק געטראָגען,
פון איינעם שווערע שטיינער בלויז,
פון צווייטען ווינד געקראָגען...

פון לאַנד צו לאַנד פון הויז צו הויז,
ביי יעדער טיש געזעסען,
און אומעטום געקראָגען בלויז
מיין אייגען ברויט צו עסען...

האָב איך געלאַכט און האָב געוויינט —
מיך האָט אַן אַנגסט בענומען:
אַנטקעגען מיר איז אומעטום
מיין שאָטען אַנגעקומען...

נעסט זיינען געקומען און נעסט זיינען אוועק און מיר זיינען נאָך אַלץ געווען אין האָטעל. איך בין געוואָרען א בן־בית מיט בעזונדערע רעכט. איך האָב זיך, למשל, געקענט פערגינען די חוצפה צו הייסען בריינגען טהיי מיט טאָרט אין א צייט פון טאָג ווען געוועהנליכע נעסט פרעהען זיך, אז מע לאָזט זיי שלאָפען.

דער האטעליער האט מיך אויף אזוי ווייט גענומען
האלטען פאר אן איינגענעם, אז ער האט מיר אפילו דער־
צעהלט פון דעם גוטען סעזאן וואס ער האט היינטיגס
יאהר געהאט. פאר נעקסטען יאהר פלאנט ער אויפצור־
שטעלען א צוויי־גארענדיגען מאדערנעם האטעל, וואס
זאל זיין א שיינדעל פאר רחובות. די צרה איז נאר וואס
ער קען ניט קריגען א שטיקעל פאסיג לאנד. בלויז צוויי
דינאם בעדארף ער סך־הכל און די רייכע מאדאם ד...
האט א סך לאנד, וואס זי האט געירשנט פון איהר מאן
מיט יאהרען צוריק. אבער פיעל מע גיט איהר, וויל זי
מעהר, און אז מע גיט איהר דעם מקח וואס זי אליין
פערלאנגט, האט זי חרטה. איהרע קינדער האלט זי אין
אויסלאנד און זי אליין זיצט דא און קוקט צו ווי דאס
לאנד כפל'ט זיך אין פרייז פון יאהר צו יאהר דורך דעם
וואוקס פון דער קאלאניע. דערווייל פוסטעוועט דאס לאנד
און קיין מוטער מענש האט דערפון קיין נוץ ניט. און
רעדט איהר מיט איהר, האלט זי זיך פאר איינע פון די
אויפבויערס פון רחובות.

ווי היימיש מיר זיינען דארט געווען, איז דאס לע־
בען אין האטעל מיר וואס א טאג אלץ מעהר נמאס
געווארען. און אזוי ווי א פרומער אידווארט אויף
משיח'ן, אזוי האב איך געווארט אויף דעם טאג ווען מיר
וועלען אריינציהען אין אן אייגענער דירה און ווערען
בעלי־בתים פאר זיך. אזוי לאנג ווי איך בין איינגעשטא־
נען אין האטעל, בין איך געווען א טוריסט, א פרעמדער

און מיר האט זיך געוואלט וואס שנעלער זיך איינ׳תושב׳ען אין דער קאלאניע און אנהויבען צאהלען דעם „מס־המושבה״...

מעהר פון אלצדינג האט מיר דערעסען וואס איך האב געמוזט אלע ווייליע אן אנדער גאסט געבען א תשובה אויף דער פראגע: פאר וואס פאהר איך ניט זעהן ירושלים, דעם הר הזיתים, די הייליגע קברים א. א. וו.?

פון די פיעל טוריסטען, וואס האבען זיך דורכגע־דרעהט אין מלון קלוביצקי אין די צעהן וואכען וואס איך האב דארט פערבראכט, האט קיינער ניט געקענט פער־שטעהן, פאר וואס איך האב זיך פעררוקט דוקא אין רחובות?

אז קיין ביארע אדער מאנדעל־גארטען וויל איך ניט קויפען און קיין קאלאניסט האב איך ניט בדעה צו ווע־רען, היינט וואס פאר א ארט איז רחובות?

פיעל פון דידאזיגע טוריסטען האבען בעוויזען דעם קונץ צו זיין אומעטום און בעזעהן אלע מערקווירדיגקיי־טען פון ארץ־ישראל אין דעם משך בלויז פון איין וואך. איבעריגענס זיינען עס געווען על פי רוב מענשען פער־נומענע, סוחרים, דאקטוירים, שריפטשטעלער. צופיעל צייט האט מען ניט געהאט. מע איז געקומען בלויז אויף א קורצען יום־טוב, האט מען ממילא געמוזט אפ־טהאן די „ארבייט״ בחפזון. איך זאג „ארבייט״, וויל פיעל האבען אויסגעזעהן פעריאגט און פערמוטשעט ווי מענשען וואס הארעווען שווער און ביטער...

בעזונדערס געאיילט האבען זיך די שריפטשטעלער און זשורנאליסטען, וועלכע האבען שוין פאראוים קאפי־טאליזירט זייערע איינדרוקען איבער פאלעסטינא. אויף זייערע ביכער אדער ארטיקלען האבען שוין דארטען די צייטונגען און זשורנאלען די אויגען אויסגעקוקט, און די זעצערס האבען אונגעדולדיג געווארט אויף דעם מאנו־סקריפט.

קליגער פון אלע זיינען געווען די יעניגע וואס מע האט געזאגט אויף זיי יאקבי, אז זיי האבען זייערע ארטיקלען אנגעשריבען בעצייטענס, קומענדיג מיט דער שיף קיין יפו.

פראקטישע מענשען...

איך בין געווארען אזוי אונגעדולדיג, אז איך פלעג גאנצע טעג ניט וויסען וואס מיט זיך צו טהאן. פלעג איך אלע טאג קומען מאטערען פון דעם ניי דעם ארע־מען מ... ער זאל ווידער אריבערגעהן ריידען מיט דעם קאלכער, אולי ירחם.

פלעגט ער זיך אנגורטלען מיט מוטה און געהן אויף קדוש השם. אבער געקומען צוריק איז ער תמיד א נידערגעשלאגענער און איך האב שוין פערשטאנען, אז ער האט געכאפט א פיינעם אפשניט פון דער קאלכערקע און איז קוים מיט'ן לעבען אנטלאפען.

אזוי זיינען אוועק וואכען און וואכען און איך האב שוין אנגעהויבען קלערען, אז סוף כל סוף וועל איך מוזען פערלאזען די שעהנע רחובות און זוכען מיין היים ערגעץ אנדערסוואו.

איין טאג איז מ... ארייגעפאלען אין מיין צימער א פערסאפעטער מיט דער פרעהליכער בשורה, אז מיר האבען געזיעגט. די קאלבערקע האט קאפיטולירט. זי איז גרייט ארויסצוציהען —

איך האב מ... אזש געוואלט ארומנעהמען פון שמחה. די אויגען זיינען אונז ביידען געווען נאס.

— אזוי שנעל ווי —

— ווי וואס? — פרעג איך און שפיר ווי די דמים פאלען מיר איין פון עפעס א שרעקליכער קאטאסטראפע וואס דארף פאסירען.

— ווי... ווי מיר וועלען איהר אויסזוכען אן אנדער וואוינונג.

— און איהר האט איינגעוויליגט?...

דער שעמעוודיגער מ... קוקט מיך אן מיט זיינע נאאיווע בלאע אויגען.

— דאס איז א לייב, ניט קיין אידענע...

האבען אלע אונזערע פריינד זיך אוועקגעלאזט זו־כען א דירה פאר דעם קאלבער, ביז מע האט איינע געפונען. איז אבער דארט געווען דיזעלביגע געשיכטע ווי ביי אונז. יענער שכן האט גע'טענה'ט, אז ער וועט ארויסגעהן אויב מע וועט איהם שאפען אן אנדער דירה.

א האלבע קאלאניע האט זיך פעראינטערעסירט אין דעם ענין און אין א פאר וואכען ארום איז אונזער דירה געווען, מיט מזל, אויסגעליידיגט.

דער לאנג־נעגאהרטער טאג איז געקומען.

נעכטען האט א גרויסער אלטער קעמעל געבראכט צו טראגען די כלי־בית, וואס מיר האבען איינגעקויפט אין יפו. אויסער וואס איין ווענטעל פון א בעט איז צו־בראכען געווארען, איז דער טראנספארט אריבער בשלום. כ'האב צוגלייך געקריגען דעם שרייב־טיש וואס איך האב בעשטעלט ביי א געוועזענעם רעדאקטאר פון „וועקער", א גוטער אידישיסט און נאך א בעסערער סטאליאר, וואס איין גאט ווייס ווי אזוי ער איז מגולגל געווארען קיין תל־אביב.

היינט האב איך אין דעם „מסכת עדות" פון אונזער האטעל אריינגעשריבען מיין נאמען צוזאמען מיט א פעטע פארציע שבחים אויף די עסענס, בעהאנדלונג א. א. וו., זיך צוזעגענט מיט דעם בעל־הבית און מיט די געסט, אויף וועלכע איך האב געקוקט ווי א בעפרייטער קוקט אויף די וואס בלייבען צוריק אין תפיסה, און בין מיט א לייכטען פרייען הארצען אוועק אין אונזער איי־גענע היים.

XXXIX.

צווישען בוימער

שפּרינגט אַ זונענשטראַהל אריין,
שפּרינגט ארום און זאָגט:
וואָס די שעהנע ערד פערמאָגט
וואָס — דער הימעל, אלץ איז דיין...

שפּרינגט דער זונענשטראהל אוועג,
ווערט דאָס האַרץ פערקלעמט,
ערד און הימעל זיינען פרעמד,
און פערלאָרען איז דער וועג...

קיינער פרעגט מיך ניט מעהר, פאַר וואָס איך פאָהר ניט בעקוקען ארץ ישראל. איך בין איצט אַ תושב פון רחובות מיט אַלע קליפּערלעך. אז איך רעד פון רחובות, רעד איך בלשון „מגר״. אידען פון שיקאַגאָ וואָס קומען מיך בעזוכען, דערצעהל איך, אז א ו נ ז ע ר ע ביאַרעס זיינען היי־יאָהר גערעטען, א ו נ ז ע ר ע מאַנדלען זיינען כשורה און א ו נ ז ע ר ע וויינטרויבען זיינען ניט צו פערזינדיגען. דאָס אומגליק איז נאָר וואָס א ו נ ז פעהלט לאַנד.

מיין קליין טעכטערל געהט אין בית הספר. דער באַי־קאַט וואָס די קינדער אין רחובות האָבען אויף איהר לכתחלה ארויפגעלעגט, ווייל זי האָט נים פערשטאַנען קיין העברעאיש, איז ביסלעכווייז ארונטערגענומען געוואָרען, און זי האָט שוין אסך פריינד.

דעם בעסטען סימן אַז רחובות האָט מיט איהר אַ פעולה געטהאָן, האָב איך געהאַט פאַרינגע נאַכט. זי האָט פון שלאָף זיך געקריגט מיט אַ חבר'טע אויף — העברעאיש.

אונזער הויז שטעהט אין אַ מיטען פון אַ נייער־געפלאַנצטען גאַרטען. פאַראַן אין איהם אַלערליי בוימער, עפּעל, מישמיש (אַפּריקאָזען), פערסיקעס, מאַנדלען, אוילבערטען, פּאַלמען און אַראַנזש־בוימער, אחוץ אייניגע קוסטעס פון חוה'ס פייגען — דער ארץ־ישראל'דיגער נאָמען פאַר באַנאַנאַס.

די מעהרסטע פון די בוימער זיינען נאָך צו יונג צו טראָגען פרוכטען. אָבער אפילו איך וואָס בין אין הלכות גערטנעריי ווייט פון אַ מומחה, קען זעהן אַז זיי וועלען אַמאָל זיין לייטישע בוימער. קוק איך שוין בעצייטענס אויף זיי מיט גרויס רעספּעקט.

אביסעל אָהן אַ זייט פון די „יונגע" שטעהט דער אַלטער ציטראָן־בוים און קוקט מיט בטול אויף די כלומרשט'דיגע הבטחות פון די נאַקעטע צווייגלעך זייערע. ער אַליין איז אָנגעפּיקעוועט מיט ציטראָנען. ער שטעהט סאַמע אַקעגען אונזער עס־צימער, און אַז מיר זעצען זיך טרינקען

טהעע, שטעקט ער אריין דורך דעם אפענעם פענסטער א צווייג בעלאַדען מיט לעמאַנען :

— בבקשה ! (בעוואַקאַשאַ — ביטע).

קען מען איהם ניט פערשעמען, הגם די ציטראָנען זיי־נען נאָך גרין. איבריגענס טאָר מען ניט אָפּלעגען, ווארום דער הינקעדיגער שמיעד וואָס וואוינט הינטער אונזער הויז, ווארט צומאָל ניט אויף אַן איינלאַדונג מצד דעם בוים.

ער האָט אויף איהם אַ חזקה פון פריהער, נאָך איידער מיר האָבען אהער אריינגעצויגען.

אין גאַנצען אָבער אהן איינזעהעניש איז דער הינ־קעדינגער שמיעד ניט. איז ער אונז מפצה פון צייט צו צייט מיט אַ בינטעל פון די באַנאַנאַס וואָס וואַקסען נעבען זיין שמידאַרניע.

די מיידעלעך פון בית הספר האָבען הפנים אויך אַ חזקה פון פריהער אויף — די בלומען וואָס וואַקסען ארום אונזער הויז. עס איז זיי ניט אָפּצוטרייבען. טאָג פאַר טאָג כאַפּען מיר זיי פּליקענדיג די ווייסע, רויטע און געלע רויזען, אָפּטמאָל נאָך איידער די בעבערלעך האָבען זיך אין גאַנצען פאַנאַנדערגעעפענט.

יאָגט מען זיי אַוועק און אויף מאָרגען אין דער פריה פער׳גנב׳ענען זיי זיך ווידער, און רייסען אָפּ פיעל זיי כאַפּען אריין איידער מיר לויפען אַרויס פערטיידיגען אונ־זער אייגענטום.

אַ טייל פון די טונקעל־רויטע רויזען, געברויך איך פאַר שלוחים. שיק איך אַ בריעף צו אַ פריינד איבער ווייי־טע ימים, לעג איך אריין אַ פּאָאַר בלעטלעך. פריש זיינען

זיי ווען איך לעג זיי אריין, און פערטריקענט ועלען זיי זיין ווען זיי וועלען אנקומען, אבער עפעס פון דעם ריח וועט בלייבען, וועט עס עמיצען אין הארצען פערגעהן...

פון אלע זייטען האט אונזער הויז גרויסע פענסטער. די פענסטער זיינען תמיד אפען. שטראמט דאס העלע ליכט אריין און צושפרייט זיך אזוי ווי א גאלדענער טעפיך אויף די הויכע ווייסע ווענד און אויף די געפלאסטערטע פאדלאגע, און לאזט ניט אויסען קיין ווינקעלע.

פון בעגינען ביז'ן אבענד, איז אין הויז א פיפסעריי און א געצוויטשער. פויגלען פליהען פון איין פענסטער אריין און דעם אנדער פענסטער ארויס. מע שפיעלט זיך אין כאפענים, מע מאכט אלערליי שמד־שטיק און מע דרעהט זיך סאמע איבער אונזערע קעפ, אזוי ווי זיי וואלטען געווען די בעלי בתים און ניט מיר.

אויך אפנים א חזקה פון פריהער...

אז אמת'ער זאמעל־פלאץ פאר אלע פויגעלעך פון ארץ־ישראל איז מיין צימער געווארען, זינט איך האב אויפגע־האנגען אויף דער וואנד דעם מגן־דוד אויסגעפלאכטען פון נייע קארן־זאנגען, וואס „חאוואדזשא מוסאה" האט מיר געבראכט לכבוד דעם חג הבכורים (שבועות).

די קליינע חברה האבען עס גלייך דערשפירט און מע איז געקומען פון אלע עקען צו מיר ניט־געבעטענערהייד אויף כיבוד. א פיק א קערענדעל, א צוויץ־צוויץ, וואס דאס

מיינט אין ארץ ישראל „להתראות" (לעהיטראַט — אויף ווידערזעהן), א פליה דורכ'ן פענסטער, און ואיננו.

אזוי איז עס אַנגעגאַנגען טעג נאָכאַנאַנד, ביז דער מגן־דוד איז געבליבען א ליידיגער, א שטרויענער. קיין איינציג קערענדעל האָבען זיי ניט איבערגעלאָזען.

געהען די טעג שטיל, זוניג און פול מיט וואקסען. איינער נאָכ'ן צווייטען. פון מיין צימער ארויס, איז דער אויסקוק אויף דער דערויסענדיגער וועלט פערשטעלט כמעט פון אַלע זייטען, מיט גרינע בוימער. און דער הי־מעל איז בלאָ טאָג איין טאָג אויס, וואָך איין וואָך אויס.

קיין רעגען וועט מעהר ניט זיין ביז חשוון. אמאָל בעוויייזט זיך א וואָלקען, כמורעט זיך און ווערט שווארצער און שווארצער, און צושפרייט זיך רוגזה'דיג. אָט, אָט דאַכט זיך וועט ער די וועלט פער'מבול'ען. אַבער איך וויים, אז דאָס איז נאָר אן אָנשטעל... קיין טראָפען אפילו וועט ניט פאַלען.

און די זיכערקייט פון זוניגע טעג וואס וועלען זיך ציהען און ציהען, אָהן אויפהער חדשים נאָכאַנאַנד, ברענגט אריין א זיכערקייט אין דער נשמה...

מיעף אין וואַלד דאָרט שטעהט מיין צעלט,
קיינער וועט מיך ניט געפינען...
שפעט ביינאַכט און פריה בעגינען,
הער איך ווי דאָס לעבען קוועלט.

פון די טיעפע ווארצלען אונטען,
צו די מאך-בעדעקטע שטאמען,
פון די טונקעל-קאלטע גרונטען,
צו דער זון און איהרע פלאמען...
שליסען ערד און הימעל בונטען —
שלים איך אויך מיט זיי צוזאמען...

טיעף אין וואלד דארט שטעהט מיין צעלט,
קיינער וועט צו מיר ניט קומען...
ווי א וועל אוועקגעשוואומען
איז די ווייטע, ווייטע וועלט...
שלאג איך וואס א טאג אלץ מעהרער,
טיעפע ווארצלען אין דער נידער,
ווערען וואס א טאג אלץ שווערער
מיט דער זאפט פון וואלד די גליעדער —
זון און שטערען מיינע לעהרער,
גרינע גראזען מיינע ברידער...

אלץ לעבט אצינדער פון הימעל. די מאראנצען קריי־נען זייער גאלד, די מאנדלען פארטינגען די יאדרעס און די טרויבען פילען זיך — און דאס איז אלץ פון דער זון, פונ'ם הימעל.

אין ארץ־ישראל איז דער הימעל מעהר ווי די ערד.

די הויפט יניקה קומט פון אויבען.

אזא פאלק, אזא לאנד...

פארנאכט קומען אפט שווערע בעקלעמטע שטונדען...

די זון נעהמט איהר לעצט ביסעל ליכטיגקייט צוזאַ־ מען און טראָגט עס אריבער פון אונזער פרדס, הינטער אין הויף אריין, פון דאַרטען קריכען די לעצטע שטראהלען אוועק איבער די גערטנער. א פויגעל שטעלט זיך אוועק אקעגען מיין פענסטער, און לאָזט ארויס שארפע אָפּגע־ האקטע קלאַנגען, פיקט ער ארויס פון ערגעץ וויסטע בילדער...

ווען איך געה אריבער צו די הינטערשטע פענסטער פונ'ם הויז, איז שוין די זון לאנג הינטער א מויער פון כאזוארינעס און ציפרעסען וואס שטעכען שארף און שווארץ אקעגען דעם צופלאַמטען הימעל...

זעהט עס אויס ווי בעקליין'ם מויטענאינזעל... פיהל איך זיך מיט אמאל אפּגעזונדערט און פערלאזען, אזוי ווי פערוואָרפען אויף א וויספע אין מיטען ים...

XL.

דיענסטמיידלעך

אלע אין דער קאלאניע האבען תימנ'ישע דיענסט־מיידלעך. אפילו דער ארעמער לעהרער פון בית הספר האט אויך איינע. א דערוואקסענע צו האלטען טראגט ניט די קלענליכע שכירות וואס ער קריגט, איז ער יוצא מיט א מיידעלע פון א יאהר זעקס־זיבען אבי ניט פער־שעמט צו ווערען צווישען לייט.

אזוי שנעל ווי מיר האבען אריינגעצויגען אין אונזער אייגענער דירה און זיינען געווארען בעלי־בתים פאר זיך, האבען מיר איינגעזעהן אז אהן א תימנ'קע וועלען מיר זיך ניט בענעהן. ניט אזוי צוליעב דער ארבייט ווי צוליעב „רעפוטאציע". א שעהן פנים וואלטען מיר געהאט אין רחובות ווען מיר האבען ניט קיין תימנ'קע אין הויז.

די ערשטע מיידעל וואס מיר האבען צוגע־נומען אויף דער רעקאמענדאציע פון א בעקאנטען, איז גע־ווען אן אלמנה מיט טרויעריגע אויגען און א קליין, דאר פנים, ברוין און צוקנייטשט ווי א גוט־איינגעבאקטער

עפעל. זי האט אויסגעזעהן שטיין־אלט, הגם לויט איהרע יאהרען איז זי נאך געוועז ווייט פון א זקנה. די עלטער קומט שנעל אין די לענדער פון מזרח.

זי איז קענטיג געוועז ניט לאנג פון תימן, ווארום זי האט בלויז גערעדט איהר מאמע־לשון, אראביש. העב־רעאיש האט זי א ווארט ניט געקענט. האט מען זי בלויז געקענט געברויכען אויף אזעלכע ארבייט וואס מע האט איהר געקענט הייסען אויף שטום־לשון. זי האט אויסגע־זעהן אזוי פערהונגערט און אזוי שקלאפיש־נידערגעשלא־גען, אז עס פלעגט דאס הארץ פערקלעמען אויף איהר א קוק צו טהאן. און נאכאנאנד זי פלעגט זאגען: „קאתאר חעראק" (מעהרען זאל זיך דיין גוטס, ד. ה. א דאנק) און זיך כאפען קושען די האנד.

פאר מיר און פאר מיין צימער בכלל האט זי געהאט א געוואלדיגען יראת הכבוד. דאס האב איך געהאט צו פערדאנקען די עטאזשערקע מיט ביכער וואס איז געשטא־נען אין ווינקעל, און מעהר פאר אלץ דעם דיקבייכיגען ענגלישען לעקסיקאן וואס איז געלעגען אויפ'ן טיש.

אז איהר פלעגט אויסקומען פארבייגעהן דעם טיש, פלעגט זי קיינמאל ניט פערפעהלען זיך איינצובויגען און געבען דעם לעקסיקאן א הארציגען קוש...

נאך איהר איז געקומען שמה (שאמא), א הויכגעוויק־סיגע ביינערדיגע יונגע ווייבעל וואס האט זיך צום טויט געארבייט כדי מפרנס צו זיין איהר מאן דעם חכם (חא־כאם). ביי אונז פלעגט זי בלויז קומען אויף א האלבען

טאג. די איבעריגע צייט האט זי געארבייט אין „בית־הספר“ און אין „בית־עם“.

זי איז געווען די צווייטע ווייב ביי דעם חכם. די ערשטע האט ער אוועקגעווארפען ווען זי איז איהם צו אלט געווארען. איך פלעג איהם זעהן אפט ווען איך בין איינגעשטאנען אין דעם „מלון קליביצקי“. אין קעלער פון דעם האטעל איז געווען זיין ווארשטאט. ער איז געווען א וואפענשמיעד און די בעדואינער פון דער סביבה פלעגען קומען צו איהם פעררייכטען זייערע געוועהר. פלעגט ער זיצען אויף דער ערד. די בארוויסע פיס פערלעגט אונטער זיך. די גאנצע צייט איז ביי איהם אוועקגעגאנגען זוכענדיג זיינע געצייג, וואס זיינען געווען צואווארפען ארום איהם אין אלע ווינקלען פון קעלער. אלע צווייטע ווארט פלעגט ער זאגען „ברוך השם“. געפונען דאס צוויינגעל — „ברוך השם“. פערלארען דאס צוויינגעל און געפונען דאס האמערל — „ברוך השם“. אנגעווארען ביידע און דערטאפט א שרייפעל — ווידער „ברוך השם“. אז עס פלעגט זיך אנקלייבען א סך ארבייט, פלעגט ער זיך אויפהויבען אין מיטען דערינען, איבערלאזען אלצדינג אויף גאט׳ס בעראט און אוועקשפרייזען א בארוועסער קיין יפו וועגען עפעס אן עניין. „ברוך השם“, וואס ער דארף איבערשמועסען מיט דעם דארטינגען חכם.

איין טאג האבען מיר זיך צוליעב איהם שיער ניט איבערגעשראקען אויף טויט. מיר זיצען אזוי איין מאל

ביים טיש, מיט אמאל עס הערט זיך א שאס פון א ביקס און צוגלייך א געשריי פון דעם חכם אין קעלער.

מיר זיינען האסטיג ארונטערגעלאפען און האבען דעם חכם געפונען זיך דרעהענדיג אין דרייען פון וועהטאג און זיין האנד אין גאנצען פערלאפען מיט בלוט.

אז אראבער האט איבערגעלאזט ביי איהם א ביקס צו פעררריכטען און האט פערגעסען ארויסצונעהמען אלע פאטראנעס. האט ער ביים פעררריכטען זיך שיער ניט אראפגעשאסען א פינגער. ער איז אוועק צום דאקטאר זיך לאזען באנדאזשירען און פון ארבייט איז מעהר קיין רייד ניט געווען.

אין דער קאלאניע האבען זיך געפונען אזעלכע וואס זיינען געווען הארטהארציג גענוג חושד צו זיין אז דער גאנצער עניין איז דעם חכם'ס אויפטהו. ס'איז איהם פשוט נמאס געווארען צו ארבייטען.

אונזער דריטער עקספערימענט האט געהייסען שושנה, און זי איז געווען אן אויסנאהם. אז איך זאג אן אויסנאהם, מיין איך אט וואס —

איך האב ניט קיין סטאטיסטישע ציפערען דאס צו בעווייזען, אבער ווי ווייט מיין אייגענע בעאבאכטונג איז געגאנגען, האב איך בעמערקט, אז וואס שעהנער דער נא־מען פון א תימנ'קע, אלץ א גרעסערע פערזעהעניש איז זי אליין. עפעס אזוי ווי אויף צו להכעים *)

*) אונזער שכן'ס תימנ'ישע דיענסטמיידעל וואס האט געווארפען אן אומחן אויף איהר אייגענעם נאמען, האט בע'גנב'עט איהר קליינע זיעבען־יעהריגע שוועסטערל און האט זיך גערופען מיט דער לעצ־טער'ס נאמען — מ ר י ם.

אונזער שושנה האָט דעם כּלל ניט אויסגעהאַלטען. זי איז דוקא געווען אַ שעהנע קרעפטיג־ענטוויקעלטע יונגע ווייבעל פון אַ יאָהר אַכצעהן, ווי מע טרעפט עס זעלטען צווישען די תימנים, און האָט איהר נאָמען ניט פערשעמט.

זי איז געווען פערהייראַטה צום צווייטען מאָל. דאָס ערשטע מאָל איז זי געגאַנגען צו דער חופּה ווען זי איז אַלט געווען אַכט יאָהר. זי וואָלט נאָך איצט אויך געלעבט אין נחת און אין פריידען מיט איהר ערשטען בעשערטען. זיי האָבען זיך ביידע ליעב געהאַט און דאָך האָבען זיי זיך געט־גט. ניט ער האָט געוואָלט און ניט זי האָט געוואָלט. בעשטאַנען אויף די צוועלף שורות איז קיין אַנדערער ניט ווי די ענגלישע רעגיערונג. צום שלימזל איז איהר מאַן געווען פערשריבען פאַר אַן ענגלישען אונטערטהאַן. האָט איהם אַ פריהערדיגע ווייב, אַ זקנה פון אַ יאָהר צוואַנציג, ווען ער האָט אָוועקגעוואָרפען צוליעב דעם נייעם שידוך, פערקלאָגט פאַר דעם ענגלישען קאָנסול, און אויף דעם סמך פון דעם ענגלישען געזעץ אָקעגען ביגאַמי — האָט זי גע־בראַכט דערצו, אַז די פּאָאַר פּאַלק זאָלען זיך מוזען גט'ען.

שושנה איז געווען אַ בריה איינע אין דער וועלט. זי האָט אונז פערמוטשעט פערלאַנגענדיג נאָכאַנאַנד אַר־בייט. אין אַ שעה אַדער צוויי איז זי פאַרטיג געוואָרען מיט אַלע אַרבייטען פון הויז, און דערנאָך פלעגט זי שטעהן, די קרעפטיגע אָרעמס פערלעגט אויף דער ברוסט ווי אַ זאַקוצניק : נאָך אַרבייט.

זי האָט גערעדט אידיש אויסגעצייכענט, אָבער מיין

פרוי האט זי נאכאנאנד גע׳מוסר׳ט פארוואס זי לערנט זיך נישט אויס העברעאיש.

איהר צווייטער מאן, א שעהנער יונג פון א יאהר פינף־און־צוואנציג, וואס האט געטראגען דעם טארבוש וואוילינגעריש אויף א זייט, איז געוועזן א שומר. א חוץ דעם האבען זיי ביידע געהאט נאך א פרנסה. זיי זיינען געווען די כלי־זמרים אויף תימנ׳ישע חתונות. ער ביי די מאנסבילען און זי ביי די ווייבער. דער אינסטרומענט איז געווען דער טאץ מיט׳ן אייזערנעם קלאפער, וואס איז ביי א פריהערער געלעגענהייט דערמאנט געווארען.

זי איז געווען פאר אונז ווי געוואונשען, ווען נישט דער חשד וואס בעקאנטע האבען אין אונז אריינגעיאגט, אז זי גלויבט נישט אין אייגענטהום, בעזונדערס ווען זי זעהט עס ליעגענדיג לויז ארום הויז...

צו איהר שבח זאל געזאגט ווערען, אז אונזער ער־פאהרונג האט דעם חשד קיינמאל נישט בעשטעטיגט.

אונזער פיערטע איז געווען אסתר. זי איז געווען א קליין־געוויקסיגע גרושה פון א יאהר פינף־ זעקס־און־צוואנציג. גרין און מיאוס ווי דער טויט. איהר שכירות, אזוי ווי זי האט קיין פאטער נישט געהאט, האט, לויט׳ן תימנ׳ישען איינפיהר. צוגענומען איהר אינגערער ברודער.

געקומען צו אונז איז זי פון בן־שמן, און צוליעב דעם טאקע האט זי זיך ביי אונז נישט לאנג איינגעהאלטען.

זי האט זיך נאכאנאנד בעקלאגט, אז איהר איז אומע־

דיג ביי אונז אין הויז. אין בן־שמן פלעגען די פועלים זינ־
גען אזעלכע לוסטיגע נגונים און פלעגען טאנצען אזעלכע
שעהנע קארעהאָדען, און ביי אונז איז שטיל ווי אויף א
בית־עולם.

פלעגט זי אין מיטען דער ארבייט אפט נעלם ווערען.
נאָר א לאנגען ארומזוכען, פלעגט מען זי געפינען ערגעץ
הינטער׳ן הויז זיצענדיג מיט צושפרייטע פיס אין דעם
ברענענדיגען זאמד און זיך בראָטענדיג אין דער זון.

געוועזען איבעריגענס א וואויל מיידעל און עהרליך ווי
דער טאָג. אבער בן־שמן האט זי פון אונז אוועקגערויבט.

זי האָט אין גאנצען פערלאָרען דעם אפעטיט, און
פלעגט ניט וועלען קיין זאך אין מויל נעהמען. אין די אוי־
גען זיינען איהר נאכאנאנד געשטאנען טרעהרען. ביז איין
טאָג איז זי פערשוואונדען און איז מעהר ניט צוריקגע־

XLI.

„על־קודם עש־שעריף"

איך בין געזעסען איין פריהמארגען אויף דעם שטיי־נערנעם גאניק וואס געהט ארוים אין אונזער פרדס. פון איבער'ן וועג אויף יענער זייט פרדס האט זיך געהערט קלאר און שארף, ווי די יונגע „גננת" מארשירט איהר קליי־נע ארמעע פון עופ'עלעך ארום דעם גן־הילדים און צעהלט זייערע טריט:

— אחת שתים, אחת שתים...

פון אן אנדער זייט האבען זיך אריבערגעטראגען די שטימען פון די קינדער אין „בית־הספר", וואס האבען, ניט־זעהר הארמאניש אבער דערפאר מיט לוסטיגע געזונדע העלזלעך, געזונגען „טוב לחיות בארצנו" (וואויל איז צו לעבען אין אונזער לאנד).

פון הינטער'ן הויז האט הילכיג געקלאפט אונזער שכן'ס שווערער האמער פאלענדיג ריטהמיש אויף דער קאוואדלע, און פון יענער זייט שוהל האט עמיצער אפ־געענטפערט: טאנג, טאנג...

אין דער הויך האבען זיך פון א דערבייאיגען שלאג ארויסגעלאזט א הורבע ווייסע טויבען און האבען זיך צר־

שאָטען ווי ווייסע בליהעכצען אַקעגען דעם לויטערען הימעל...

ביז איך געזעסען און האָב צוגעקוקט ווי אַ לאַנגער, שוואַרצער קאַראַוואַן פון מוראַזשקעס ציהט זיך פון אַ ווייטער בײַט, שלענגעלט זיך אַרום דעם גאַניק און לאָזט זיך צו דעם יונגען מישמיש־בוים. די וואָס זיינען צוריק־געקומען, זיינען געווען בעלאָדען מיט כל־טוב: שטיקלעך שטרוי, פענעצלעך האָלץ און פּיצלעך פון בלעטער, און זיי האָבען זיך געאײַלט די סחורה אָפּצולעגען און לויפען ווידער נאָך נייע.

מיט אַמאָל האָט פון דער ליכטיגקייט און דער מנוחת אַרום, זיך בעוויזען אַ גרויסע גראָע זאַך און האָט גע־פרעגט:

— פאַר וואָס פערשעמסטו מיך? פאַר וואָס האָסטו אַז מיך פערגעסען?... פון ווייטע לענדער, און איבער ברייטע ימים ביסטו געקומען, און מיך ווילען דיינע אוי־גען ניט זעהן...

צווישען מיר און דער זון און די גרינע בוימלעך פון אונזער גאָרטען, איז געשטאַנען און האָט געוויינט אַ פינ־סטערע שטיינערנע וואַנד — דער כותל המערבי...

און אַז די טעג זיינען געוואַקסען, האָבען זיך די פינ־סטערע שטיינער מיר געלעגט אויפ'ן האַרצען, און די גראָע זאַך איז מיר נאָכגעגאַנגען:

— פאַר וואָס פערשעמסטו מיך?...

איך האב געזאגט: א י י ן באיארע געפלאנצט פון אידישע הענד אין ארץ ישראל איז מיר וויכטיגער ווי אלע קברים פון די מלכי בית דוד — אז מעהר פ ע ר ־ ג א נ ג ע נ ה י י ט איז דא אין א י י ן קאפיטעל מלכים ווי אין אלע שטיינער פון ירושלים — אז איין אויסגעגראבענער פונדאמענט איז ווערטה הונדערט פער־שאטענע חורבות...

אבער די גראע גרויסע זאך האט מיך פערפאלגט ווי א שאטען און ניט אפגעלאזט מעהר.

האב איך בעשלאסען פאהרען קיין ירושלים, און זעהן דעם כותל המערבי.

איז מאחמוד ווידער געקומען און האט אונז אפגע־פיהרט קיין ראמלע. אין ראמלע האבען מיר זיך געזעצט אויף דער באהן וואס פיהרט אין „על־קודם".

דער קליינער וואגאן איז געווען געפאקט מיט מענ־שען. אין א ווינקעל זיינען געזעסען צוויי עלטערע ירושלים׳ער אידען אין שטריימלעך און זופיצעס מיט גע־דרעהדרעלטע פאות וואס האבען זיך געבאמבעלט ביז אונ־טער דער מארדע. אקעגען זיי איז געזעסען א דייטש, קענטיג אן אלטער תושב פון פאלעסטינא. האבען זיך די צוויי אידען פאנאנדערגעשמועסט מיט׳ן דייטש וועגען עסטעררייך. נערערדט האבען זיי זעהר א שעהנעם דייטש. אפנים סוחרים געווען אמאל, איידער מע איז געקומען אויסלעבען די לעצטע יאהרען אין דער היילינגער שטאדט.

ניט ווייט פון זיי איז געזעסען א רוסישער באגא־

מאלעץ אין א דיקען קאפטאן און א פוטערנער היטעל און האט מיט א דארפישען מעסערל געשניטען קליינע פענעצ־לער פון אן אפעלסין און געלעגט פאמעליך אין מויל, פער־בייסענדיג מיט גרויסע שטיקער שווארצען ברויט.

דער רעשט פון וואגאן איז געווען פערנומען פון אראבער, צווישען זיי אראבישע סאלדאטען וואס האבען נאכאנאנד גערויכערט און געזונגען טרויעריגע ליעדער. די באהן איז געגאנגען לאנגזאם און דער קליפ־קלאפ פון די רעדער האט מרה־שחורה׳דיג בעגלייט זייער אומעטיגען נגון.

איינער פון זיי האט מיט א האלב־וויינענדיגען קול־נגינה אויסגעזונגען א פערז און דערנאך האבען אלע אין א כאר ארויסגעלאזט אין לאנגע אויסגעצויגענע נאז־טענער :

— יא חא—סא—רא—טי (א וועה איז מיר)...

איך האב ארויסגעקוקט דורך די פענסטער. די לאנד־שאפט דורך וועלכע מיר זיינען געפאהרען — דער אמא־ליגער קאמפף־פלאץ צווישען די בני ישראל און די פלשתים — איז געווען גרא, טרוקען און וויסט. די בערג זיינען געווען פארבלאזע פערזעהענישען.

פון סטאנציע צו סטאנציע איז די געגענד געווארען אלץ מדבר׳דיגער, אלץ אומעדיגער און פערשאלטענער.

האב איך צוגעמאכט די אויגען און באלד איז פאר מיר געשטאנען א פינסטערע שטיינערנע וואנד : —

יא חא—סא—רא—טי...

דער צוג האָט גענומען זיך דראַפּען באַרג־אַרויף־צו און האָט זיך ערשט אָפּגעשטעלט אָפּכאַפּען דעם אָטהעם אויף אַ פּאָאַר מינוטען אין ביתר, אַ שעהן דערפעל, וואָס האָט מיט קיין זאַך ניט דערמאָנט די אַמאָליגע גרויסע ביתר וואָס האָט זיך צוערשט געלאָזט חרוב מאַכען צוליעב אַ הוהן און האָהן און האָט דערנאָך געזוכט דעם טעות גוט צו מאַכען מיט אַ בר־כוכבא...

די וויסטקייט און פערשאָלטענקייט האָבען אויפגע־הערט. אַ האַנד האָט זיך אויסגעשטרעקט : ביז דאַנען און ניט ווייטער...

די געגענד איז געוואָרען גרין און פרוכטבאַר. פון ביידע זייטען האָבען זיך געשטאַפּעלט טעראַסען איבער טעראַסען מיט שעהן־אויסגעלעגטע גוט־בעאַרבייטע גערט־נער. וואָס נעהנטער צו דער שטאָדט, אַלץ פרישער און גרינער און שעהנער.

— ירושלים ! מיר זייגען אָנגעקומען מיט'ן בין־השמשות, ווען דאָס לעצטע גאָלד איז געפאַלען אויף די מינאַרעטס און די קלויסטער־שפּיצען פון דער הייליגער שטאָדט.

שאַרפע דינע סילועטען האָבען זיך געטונקעלט אויף דעם קלאָרען פייערדיגען הימעל, און שאָטענס זיינען אָנגע־קומען פון די אַרומיגע בערג און האָבען זיך געשלייכט דורך די גאַסען...

אַ דראָזשקע האָט אונז געבראַכט צו דער וואוינונג פון דעם קינסטלער פּ... דעם לעהרער פון מאָלען אין דער

בצלאל שוהלע, וואו מיר זיינען געווען איינגעלאַדען צו בלייבען איבער נאַכט.

אויף מאָרגען גלייך אין דער פריה האָט פ... אונז צוגעזאָגט פיהרען צום כותל־המערבי...

איך האָב קוים אָן אויג צוגעטהאָן און ארום זעקס אין דער פריה האָב איך שוין אויפגעוועקט מיין קליינע מחנה, ווי אויך דעם פריינדליכען פ... מיט אַ האַלבע שעה שפּע־טער זיינען מיר שוין געווען אַרוים פון הויז.

אויפ'ן וועג האָט מיר פ... דערצעהלט, ווי אַזוי ער איז אַהער געקומען פון פּאַריז, וואו ער האָט פערלאָזען אַ גלענצענדע קאַריערע, און ווי די אַלטע שטאָדט האָט ארום איהם איהר כשוף ארומגעשפּונען. זיין אויג קען זיך ניט אָנזעטיגען און זיין האַרץ איז פער'שכור'ט פון איהר...

אויף די גאַסען איז נאָך געלעגען דאָס קיהלע פריה־מאָרגען־ליכט. אבער ווי פריה עס איז געווען, איז שוין אָנגעגאַנגען אַ גרויסע בעוועגונג. מעהרסטענטיילס, קינ־דער וואָס זיינען געגאַנגען אין זייערע שוהלען אָדער חדרים.

מיר זיינען דורכגעגאַנגען דעם „שער יפו", וואָס פלעגט אַמאָל פעררינגעלט ווערען אַלע נאַכט.

נאָהנט ביי דעם דאָזיגען טויער האָט עס דער סולטאַן עבד־אול־חאַמיד געלאָזט דורכברעכען דורך דער שטאָדט־מויער אַ וועג לכבוד קייזער ווילהעלם, ווען ער האָט, אין 1898, בעזוכט ירושלים.

עס איז דאָ אַן אַלטע מאַהמעדאַנישע טראַדיציע, אַז

קיין קריסטליכער הערשער טאָר ניט אריינקומען דורך די טויערען פון „על־קודם עש־שעריף" (דאָס געהויבענע היי־ליגטום) פּאַהרענדיג אָדער רייטענדיג, איז כדי „דער בע־שיצער פון איסלאַם" זאָל ניט דארפען אריינגעהן צופוס, האָט מען אומיסנע פאַר איהם דורכגעבראָכען אַן עפענונג אין דער וואנד.

מיר זיינען געגאַנגען באַרג אַראָפּ דורך ענגע געסלעך און דונקעלע געוועלבטע דורכגאַנגען און זיינען געקומען צו אַ שמאָלען טרעפּעלדיגען וועג.

אַרום, וואו דאָס אויג איז געפאַלען, איז געווען שמוץ און אָרעמקייט.

איך בין נאָכגעגאַנגען פּ...ן אין אַ מין גראָען, שווע־רען היהנער־פּלעט. קוים וואָס איך האָב געקענט עפּעס זעהן אָדער מערקען.

— אָט איז דער כותל המערבי...

פּ...ס שטים האָט מיך אויפגעטשוכעט. פאַר מיר האָט זיך אויפגעהויבען אַ הויכע נאַקעטע שטיינערנע מויער. אונטען זיינען געווען שורות פון אונגעהייער גרויסע פיער־עקיגע שטיינער מיט די כאַראַקטעריסטישע אָפּגעצעסעטע ראַנדען פון דער בית־שני צייט. אויבען זיינען געווען קלענערע, שפּעטער צוגעקומענע.

עס איז נאָך געווען צו פריה פאַר בעזוכערס און פאַר די אָרעמע לייט וואָס קוקען אַרוים אויף זייערע נדבות. פון די לעצטע זיינען בלויז געווען אַ האַלב־טוץ בסך הכל. קיין בעזוכער אויסער אונז איז ניט געוועזען.

אן עלטערער איד איז געשטאנען צוגעשפארט צו א שטיין און האט געוויינט איבער א תהלים. א אידענע איז האלב געלעגען און האלב געזעסען אויף דער ערד אין א ווינקעל און האט, מיט א מעכאנישען איינגע׳חזר׳טען נגון געזאגט די תחנה „שערי דמעות"... אן אנדער אידענע, א ספרד׳ישע, איז אומגעלאפען הין און הער ווי משוגע פאזע וואנד און האט געמורמעלט א תפלה אין שפאניאליש. איך האב בלויז געכאפט די ווערטער: „סיניאר דעל מונדא, סיניאר גראנדע" (האר פון דער וועלט, גרויסער האר), וואס זי האט נאכאנאנד ווידערהאלט. אלע ווײלע האט זי מיט אימפעט צוגעלעגט די ליפען צו א שטיין און גע־געבען א לײדענשאפטליכען קוש.

די שטײנער זײנען אין פיעל ערטער געווען גלאט אפגעריבען. די ארבייט פון הונדערטער טויזענדער ליפען וואס האבען די קאלטע פעלזען געקושט אין פערלויף פון אזוי פיעל דורות...

אין די שפאלטען צווישען די שטײנער זײנען געלע־גען אײזערנע נעגעל. דאס לעגט מען דארטען אוועק פון סגולה וועגען. אנדערע ווארפען אהין אריין קוויטלעך מיט בקשות. איין גאט אין הימעל ווייס וויפיעל אזעלכע אנ־געוועהטאגטע בקשות עס וואלגערען זיך אין די פינסטערע שפאלטען.

זעקס אידען, אייניגע פון זיי נאך גאר יונגע לייט, אין לאנגע קאפאטעס און מיט משונה לאנגע פאות, זײנען געקומען און האבען זיך תכף גענומען זאגען תהלים אויף

א זעהר הויכער אקטאווע, קענטיג גערונגענע... אויפ'ן פנים זיינען געווען די סימנים פון דעם פראפעסיאנעלען קדיש־זאגער.

א פרוי איז פלוצים אנגעקומען און איז צוגעפאלען צו א שטיין, כליפענדיג און קלאגענדיג ווי מע קלאגט אויף א טויטען... עמיץ קראנק אדער גוסס, איז זי געקומען אויף דעם לעצטען טויער קלאפען.

איהרע יללות האבען זיך פערשטארקט פון מינוט צו מינוט און זיינען געווארען אלץ הארץ־רייסענדער. איז צוגעגאנגען צו איהר אן אלטער איד און האט שטילערהייד זי גענומען טרייסטען, אבער זי האט ניט אויפגעהערט צו שרייען און צו שלוכצען...

א צווייטע אידענע, וועמען די וויינערקע האט גע־הינדערט אין איהר תחנה זאגען, האט זיך אנגעבייזערט אויף איהר און זיך בייזערענדיג האט זי אליין אויסגעבראַ־כען אין א ביטערען געוויין...

מיינע אויגען זיינען געווען טרוקען, אבער ס'הארץ איז איבערגעלאפען מיט טרעהרען — פון טרויער? ניין! פון ביטערקייט און פון דערנידעריגונג... מיין בליק האט זיך מיט א מאדנער זעלבסט־פייניגונג איינגעזויגען אין דער יאמערענדער אונגליקליכער פרוי, וואס האט געקלאגט אויפ'ן שטיין...

פון איהר קעהל האט געשריען דער שלוכץ פון א גאנ־צער צובראכענער אומה, וואס איז אויפ'ן לעצטען טויער קלאפען געקומען...

מיין קליין טעכטערל האט געהאלטען ביים זיך פאנאנ־דערוויינען... די אלטע האט אויף איהר א שרעק אנגע־ווארפען.

איהר קינדערשע פרישקייט איז געווען א פאלשער טאן צווישען דעם געיאמער און די אלטע חורבות...

פון צווישען די שפאלטען איז ווי א גראע טשערע־פאכע ארויסגעקראכען די מעשה:

אמאל, מיט הונדערטער און הונדערטער יאהרען צו־ריק איז געקומען א נייער סולטאן אין ירושלים. איז ער געווען א מלך חסד און געוואלט אויפריכטען פון דאס ניי די וויסטע שטאדט. האט ער געלאזט אסך הייזער און פא־לאצען אויפבויען, און אין איינעם פון די פאלאצען האט ער זיך אליין בעזעצט.

איין פריהמארגען, ארויסקוקענדיג ווי זיין שטייגער פון דעם פענסטער פון זיין פאלאץ, זעהט ער ווי אן אלטע פרוי בויגט זיך אין דרייען און טראגט אויף איהר פלייצע א גרויסען קארב פול מיט מיסט. מיט די לעצטע כחות האט זי דעם קארב געבראכט צו טראגען נעבען א בערגעל וואס איז געווען ניט ווייט פון דעם סולטאן׳ס פאלאץ, און דארט האט זי די מיסט אויסגעשאטען.

האט דער סולטאן געשיקט איינעם פון זיינע משרתים ער זאל ברענגען פאר איהם די אלטע פרוי. און אז זי איז געקומען פאר איהם, האט ער זי געפרעגט, ווי אונ־טערוועגט זי זיך צו ווארפען מיסט נעבען דעם פאלאץ פון דעם סולטאן.

איז איהם די אַלטע צו די פיס געפאַלען און האָט געענטפערט : —

אדוני המלך, עס איז ניט מיין שולד... אזוי איז ביי אונז אַנגעזאָגט געוואָרען פון דור צו דור. אז טיטוס האָט געבראַכט מיינע אור־אור־עלטערען אהער פון רוים, האָט ער זיי בעפוילען אַז זיי און זייערע קינדער און זיי־ערע קינדס־קינדער זאָלען וואַרפען די מיסט אויף דעם אָרט וואו דער בית־המקדש איז געשטאַנען. היטען מיר דעם בעפעהל אָפּ ער היום.

האָט דער סולטאַן געגעבען אַ בעפעהל, מע זאָל אַרונטערראַמען דעם באַרג מיסט, און מאַנאַטען נאָכאַנאַנד האָט מען געגראָבען און געגראָבען ביז מע האָט ארויסגע־גראָבען דעם כותל המערבי...

און אַז דער אָרט איז געוועזען אין גאַנצען אָפּגערייניגט, האָט דער סולטאַן געשיקט רופען די רבנים און די פרנסים פון ירושלים און האָט זיי געהייסען זיי זאָלען ווידער אויפ־בויען דעם בית־המקדש אין זיין גאַנצען גלאַנץ ווי אַמאָל. האָבען די רבנים און די פרנסים זיך געבוקט צו דעם מלך און איהם געדאַנקט פאַר זיין גרויס חסד וואָס ער וויל מיט זיי טהאָן, און האָבען איהם געבעטען ער זאָל לאָזען דעם כותל־המערבי ווי ער איז, און אַז אַלצדינג וואָס זיי ווילען איז זיי זאָלען אַלע פרייטאג פאַרנאַכט קענען קומען וויינען אויף די אַלטע שטיינער...

בויען פון דעם נייַ טאָר מען ניט, אסור לדחוק את הקץ...

א ניט־געוויינטע טהרער האָט מיר אַ וואונד געברענט,
האָב איך די ליפּען צו דער אַלטער וואַנד געָנעהנט —
איז מיר אַ שטיין געפאַלען אין דער ברוסט אריין...
האָט מיך אַ שווערע לאַסט געבויגען, און מיין הארץ
געצאַפּעלט האָט, און מיין געזיכט געווען איז
שוואַרץ...
וואָס קען עס זיין ?...

האָב איך געשריען צו דער וואַנד : נעהם אָפּ
דיין שטיין,
פערשטיקט מיר האָט ער אַלע קוואַלען פון געוויין,
צוקוועטשט מיר האָט ער אַלע בלומען פון מיין פיין...
האָט ווי דער קאַלטער טויט די וואַנד מיך אָנגעבליקט,
האָט ווי אַ טויזענד בערג מיך יעדער פעלז געדריקט...
וואָס קען עס זיין ?...

XLII.

צוריק

די שטיינערנע וואנד איז געבליבען שווער אויף מיין געמיטה און איך האב געוואלט וואס שנעלער זיך אומקעהרען צו דער שעהנער גרינער רחובות. איך האב געוואלט וואס גיכער ארויסרייסען זיך פון די קאלטע טויטע חורבות און זיך ווידער אנפילען מיט די פרישע לופטען פון די כרמים.

פאר'ן אפפאהרען האבען מיר אפגעשטאט א קורצען בעזוך דעם „בצלאל”. פיעל צו זעהן איז ניט געווען. אין דער מעטאל־אפטיילונג האבען געארבייט אויף פיליגראן ארבייטען א קליינע צאהל תימנים. די איבעריגע אפטיילונגען זיינען געוועזען כמעט אדער אין גאנצען לעדיג. פראפעסאר באריס שאץ איז אין יענער צייט געווען אין אמעריקא מיט זיין אויסשטעלונג, זוכענדיג צו שאפען געלט פאר... קענען אפצאהלען די חובות און אויפהאלטען ווייטער דעם וואקעלדיגען „בצלאל”.

צום סוף האט אונז פ... מיטגענומען אין זיין קלאס פאר צייכענען.

אויף א נידעריגער פלאטפארם אויבען אן איז געזעסען אן אלטער תימני מיט א לאנגער שנעע־ווייסער בארד

און, צוגעקעהרט מיט די געזיכטער צו איהם, זיינען גע־זעסען ארום אין פערשידענע זייטען אן ערך צוואנציג יונגע בחורים און מיידלעך. פאר איטליכען איז געשטאנען א שטענדער מיט א קארטאן אויף וועלכען ער האט געצייכענט דעם אלטען. אלע זיינען געווען געשמאק פערטיפט אין דער ארבייט, הגם ניט אלע מיט גלייכען ערפאלג.

דער „געדונגענער" פאטריארך האט געטריי ערפילט די פליכטען פון א מאדעל און האט מיט קיין אבר ניט גע־ריהרט: די פאאר פראנק וואס ער קריגט מסתם פון „בצלאל" פאר זיין פאטריארכאט האט ער כשר און עהר־ליך פערדיענט:

אין דער צייט וואס פ... איז געגאנגען פון שטענדער צו שטענדער און האט איבערגעקוקט די ארבייט פון די תלמידים, האב איך בעקוקט דעם אלטען. אין זיינע קליי־נע קלוגע אויגען איז געווען א וועלט מיט ליצנות. ער האט פיעל מעהר געשטודירט די צייכענער ווי די צייכענער איהם, און האט קענטיג קיין צו געהויבענע מיינונג פון זיי ניט געהאט.

אין „קא'הא על יאהוד" אין סאנאה האט זיך איהם ניט גע'חלומ'ט אז ער וועט דארפען ציהען זיין חיונה פון אזעלכע משוגעים...

דורכגעהענדיג א קארידאר האב איך דורך א קליין פענסטערל אין א פערשלאסענע טהיר, געכאפט א קוק אויף א פערשטויבטען פויגעלשען קאפ. דאס איז געווען די זאאלאגישע זאמלונג וואס אהרני האט מיט אזוי פיעל

מיה און געדולד צוזאַמענגעשטעלט ווען ער איז געווען פערבונדען מיט דעם „בצלאל"־אַנשטאַלט. איצט איז דאָס צימער פערמאַכט. ניטאָ ווער עס זאָל אויף די פויגלען און חיה'לער אַפּאַכט געבען. קלייבט זיך דער שטויב פון יאָהר צו יאָהר און די זאַמלונג וואָס איז מיט אַזוי פיעל מאַטערניש אַנגעקומען, געהט צו גרונד.

ירושלים איז מעהר ווי צוויי טויזענד פוס איבער דער ים־פלאַך און די לופט איז מחיה נפשות, אָבער איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב פרייער אָפּגעאָטהעמט, ווען אונזער צוג האָט זיך אָנגעהויבען אַראָפּלאָזען פון די בערג אויפ'ן וועג קיין יפו. מיין אומגעדולד צו קומען אַהיים איז געוואַקסען וואָס אַ מינוט. איך האָב מורא געהאַט זיך אומקוקען, איך זאָל ניט דערזעהן הינטער מיר דעם פינסטערען כותל־המערבי און דעם פערשטויבטען פויגעל מיט די גרויסע גלעזערנע אויגען, זיך יאָגענדיג נאָך מיר.

ארום מיטאָג־צייט זיינען מיר אָנגעקומען קיין יפו: מיר האָבען גענומען אַ דראָזשקע און זיינען גלייך פון וואָקזאָל אָפּגעפאָהרען קיין תל־אביב, וואו איך האָב געוואָלט צוברענגען די פּאָאַר שעה וואָס זיינען נאָך געבליבען ביז דער דיליזשאַנס פאָהרט אָפּ קיין רחובות, און דורך אַגב פערזוכען ווידער די קעסט פון אונזער אַלטען פּאַנסיאָן.

איטליך מאָל וואָס איך קום אין תל־אביב געפין איך נייע צוגעקומענע בנינים. דער פרצוף־פּנים פון דעם שעה־נעם שטעדטעל האַלט זיך אין איין ענדערען נאָכאַנאַנד. און

ניט זינדיגען זאָל איך מיט די רייד, יעדעס מאָל וואָס איך קום אהין, דאכט זיך מיר אויס, אז ניט נאָר קריגען די גאסען אן אנדער געשטאַלט, נאָר דער צלם אלהים, די שכינה וואָס האָט אמאָל גערוהט אויף תל־אביב, פער־שווינדט ביסלעכווייז...

פון אַ גימנאַזיע־צענטער ווערט תל־אביב ביסלעכווייז פערוואַנדעלט אין אַ שטעדטעל פון ווילאַס, אַ טוריסט־פּלאַץ וואו מע קומט פערברענגען אַ פּאָאר אנגענעהמע טעג אדער וואָכען. וואו מע קעהרט זיך איז אַ רעסטאַראַן, אַ פּאַנסיאָן. עס שפּירט זיך אין דער לופט, אז מע קוקט אוים אויפ׳ן טוריסט...

ארום דריי אַ זייגער זיינען מיר אוועק צו דעם „חאַן", פון וואַנען דער רחובות׳ער דיליזשאַנס פּאָהרט אָפּ. דער קאַמפּלעט פון פּאַסאַזשירען — נייין, דריי אין אַ רייה — איז געוועזען פּאַרפול, און דער דיליזשאַנס האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין. ארויספּאָהרענדיג דורך דעם שמאָלען איינ־פּאָהר האָט ער שיער ניט דער׳הרג׳עט דעם אראַבישען שמיעד וואָס האָט קיין געראַמערען פּלאַץ ניט געפונען פאַר זיין שמידאַרניע ווי דוקא אין סאַמע איינפּאָהר. איטליך מאָל וואָס מיר פּאָהרען ארוים דורך דעם איינפּאָהר, חזר׳ט זיך איבער דיזעלביגע חתונה. דער אראַבישער שמיעד ווערט שיער ניט איבערגעפּאָהרען. ווערט אַ געשריי און אַ מהומה, דער שמיעד זידעלט און לאָזט אוים אַ גאַנצע אראַבישע תוכחה אויף אחמעד׳ן, און אחמעד רופט אוים דעם שמיעד וואָס אין קאָרט שטעהט, און די פּאַסאַזשירען

געוואַלדרעוועו, און די אייזלעו אין חאַן רעוועו אַז מע קעו טויב ווערען — ביז דער דיליזשאַנס פּאָהרט מיט מזל אַרוים אויף דער גאַס.

אַ חוץ רחובות׳ער וואָס האָבען זיך אומגעקעהרט אהיים, האָבען מיר געהאַט אַ פּנים חדשות. אַ מיידעל, אַ ציוניסטקע־העברעאיסטקע פון יענעם מין וואָס דער בע־געהר צו טהאָן אַ שידוך איז ביי זיי אַזוי ענג צוזאַמענגע־פלאָכטען מיט׳ן ישוב און מיט דער „אויפלעבונג פון דער שפּראַך״, אַז עס איז שווער צו זאָגען וואָס איז נוס און וואָס איז שאַלאַכץ.

זי איז — געפין איך באַלד אויס — אַ העברעאישע לעהרערקע פון ערגעץ אַרום ווילנא און איז געקומען צו־זאַמען מיט אַ גרופּע יונגע לייט, אַלע לעהרערס, וואָס זיי־נען געקומען פערברענגען זייער וואַקאַציע אין טיולים (שפּאַצירגאַנגען) דורך יהודה און גליל.

זיי זיינען איצט אויפ׳ן וועג קיין רחובות, און אַזוי ווי זי האָט זיך פערשפּעטיגט, וויל זי זיי אָניאָגען מיט׳ן דיליזשאַנס.

זי האָט גערעדט העברעאיש אויף אַ זעהר דעמאָנ־סטראַטיווען אופן, און דעם יונגען פערוואַלטער פון ט...׳ס ביאַרע וואָס האָט קיינמאָל אין לעבען ניט געהאַט בדעה זיך צו רופען אַנדערש ווי מ ע נ ד ע ל א ו ו י ט ש, האָט זי תיכף גענומען אַדרעסירען — ב ן ־ מ נ ח ם...

זי דערצעהלט מיר אַז זי איז געוועו אויפ׳ן לעצטען

ציוניסטישען קאנגרעס און רעכענט מיר אויס אלע גדולים וואס זי האט דארט געזעהן. מיט איייניגע האט זי געהאט די זכיה צו ריידען, אט למשל מיט די אמעריקאנער דע־לעגאטען. אזוי ווי זי פערשטעהט אז איך קום פון אמע־ריקא, איז זי טשיקאווע צו וויסען צי איך האב ווען עס איז געהאט דאס גליק זיך צו טרעפען מיט דיזאזיגע גדולים.

איך ענטפער „יא". אבער דאס מיידעל איז מיר חושד. אמעריקאנער זיינען בעקאנט פאר בלאפער.

ניט ווייט פון ודי־חנין האבען מיר אנגעיאגט די טוריסטען. די פעדראגאגען זיינען נעבאך געווען שטארק מיער בראדושענדיג ביז די קנעכלער אין זאמד, אבער זיי האבען געשפאנט העלדיש, אלע ווילע זיך אונטערגעבענ־דיג קוראזש מיט א העברעאיש ליעד.

ווען מיר זיינען געקומען נאהנט צו רחובות איז שוין געווען גוט־פינסטער און די נאכט איז געלעגען פייכט און שווער איבער'ן גאנצען טהאל.

ניט ווייט פון וועג האבען בעדואינער, הויפענס טרו־קענע גראז אנגעצונדען. אלע ווילע איז דאס פייער אויפ־געשפרונגען און אקעגען די רויטע פלאמען האבען זיך גע־שווארצט לויז־בעמאנטעלטע געשטאלטען זיצענדיג אין א קרייז, און צוזאמענגעקארטשעטע פרויען מישענדיג מיט לאנגע דארע הענד אין גרויסע טונקעלע טעפ. איבער זיי אלעמען האט זיך א געדיכטער רויך געפלאכטען אין משונה'דיגע געשטאלטען...

אז די רויטקייט האט שטארקער אויפגעפלאקערט. האבען זיך בעוויזען הינטער זיי די שווארצע געצעלטען און לאגערנדיג ארום די געצעלטען, קעמלען מיט אויסגעשטרעקטע העלזער. און דא און דארט, דער פערשפיצטער קאפ פון א פאסטוך־הונד...

XLIII.

„יודענשטאַאט".

טייערער...

...זיי וועלען מיר פסל'ען אויב זיי וועלען זיך דער־וויסען אז הערצל'ס „יודענשטאאט" האב איך געלייענט צום ערשטען מאל ווען איך בין שוין געווען אין רחובות. און אויך נאר דורך א צופאל. אבער עס איז פאר מיר גע־ווען א גרויסער טיעפער גענוס. די נאאיווע געוואגטקייט פון דעם בוך איז אזא ערפרישענדע, אזא קרעפטיגענ־דע. שטעהט פאר דיר א מאן און בויט א י ן לופט און פ ו ן לופט, מיט אזוי פיעל ערנסט און אזוי פיעל זיכערקייט אזוי ווי ער וואלט אין זיינע הענד די גראניט־שטיינער געפיהלט...

„הערצל האט ניט געהאט די אידישע איבערשפיצט־קייט, די אידישע אלץ פאנאנדערדרייסענדע פקחות און דא ליעגט זיין גרויסקייט און דער סוד פון זיין פיהרערשאפט. אט די פקחות וואס מיר האבען ענטוויקעלט אין אונזער גלות־לעבען, אזוי ווי דער קאקטוס זיינע שטעכערס און דער יאזש זיינע נאדלען און די קלאפער־שלאנג איהרע קלא־פערס — זיך צו שיצען און פערטיידיגען אקעגען א פיינד־

ליכער אויסגעוועלט — אָט די פּקחות וועלען מיר אין ארץ ישראל פאַרלירען. די ערד וועט אונזער איבער־קלוגשאַפט אַריינציהען אין זיך און מיר וועלען ווערען געזינטער...

אַז הערצל איז געקומען און האָט מיט איין גרויסען מוטהיגען מאַך מיט דער האַנד, אָוועקגעשאַרט אַז אַ זייט אונזער גאַנצע שכל'דיגקייט, אונזער גאַנצע שרעקעדיגע פּקחות, האָבען מיר אין איהם דערשפּירט דעם גואל און דעם בעפרייער, ווייל די שכל'דיגקייט אונזערע האָט אונז ווי אַ ראָסט געגעסען און מיר האָבען זיך אַליין פאַרראַכט ווייל מיר האָבען געוואוסט, אַז זי איז די פרוכט פון פּחדנות און שוואַכקייט און וועט פיהרען צו אונטערגאַנג...

...דער מחבר פון „יודענשטאַאַט“ איז געווען אַ שטיק ארץ ישראל מגולגל אין פליש און בלוט. דער גאַנצער זאַפטיגער ערד־געררוך פון דעם ארץ־ישראל'דיגען באָדען שמעקט אַרויס פון צווישען זיינע ווערטער, די גאַנצקייט און געזונדקייט, די היילענדע און גאַנץ־מאַכענדע קראַפט פון דעם ארץ־ישראל'דיגען באָדען... און דאָס גרויסע נייע וואָרט וואָס ער האָט אונז געבראַכט און וואָס וועט אונזער הילף זיין, איז, אַז מיר מוזען אויפהערען קלוג צו זיין...

ע ר איז געווען אַ בויער און אַ צוזאַמענשטעלער, און וואָס ער האָט געטהאָן און געשאַפען איז געווען „מעור אחד“, פון איין שטיק. מיר האָבען פאַלשע בויערס געהאַט. ז י י זיינען געווען בויערס על־פּי טעות... געשאַפען זיינען זיי געוואָרען לכתחלה כדי צו זיין פּ אַ ־ נ אַ נ ד ע ר ז ו נ ד ע ר ע ר ס און אַז דער גורל האָט

זיי אויף צו להכעיס פאר בויערס געמאכט. האט מען אומעטום די שפּאַלטען און די נעהט געזעהן. ער איז געווען דער געבאָרענער גאַנץ־מאַכער און בויער...

פון שכל'דיגקייט און פון דעם קרעמעריש־קלוגען „היתכן?” אַזוי ווי פון דער בית־המדרש'דיגער קשיות־פרעגעריי האט ער ניט געוואוסט און ניט געוואלט וויסען...

. . . .

...איצט זאָלסטו פון מיר מעהר קיין „מיינונג” ניט פערלאַנגען. איך בין שוין פּסול־לעדות. אויב איך בין נאָך צו ארץ ישראל ניט צוגעוואַקסען, איז אָבער ארץ ישראל שוין אַריינגעוואַקסען אין מיר... איך זעה, אָדער ריכטיגער געזאָגט, שפּיר אַלצדינג פון אינווייניג אַרויס: איך אָטהעם דערמיט, איך גערייה דערפון. איך האָב עס אין מיינע גליעדער און שפּיר אַז אַנדערש קען עס ניט זיין. דאָ איז די עלמא דקשוט...

...עס איז דאָ אַ יום־טוב'דיגע ארץ־ישראל, אַ פּאַראַד־נע, אַ הידד־שרייענדע, און עס איז דאָ אַ וואָכעדיגע, האָרע־פּאַשנע און געזונדע ארץ ישראל... די ערשטע איז פאַר די טוריסטען און פאַר די שקל־צאָהלער וואָס קומען זעהן וואו זייערע שקלים געהען (איך האָב געקענט איינעם וואָס איז געקומען זעהן זיין בוים אין הערצל־וואַלד) די צווייטע אַנטפּלעקט זיך ערשט צו דעם נאָהנטען, צו דעם אייגענעם.

...דאָס וואָס די הייליגקייט איז אַראָפּ, געפעלט מיר. דער פּיאָנער פון ארץ ישראל מוז זיך אויפהערען צו בע־טראַכטען פאַר אַ מאַרטירער וואָס יעדער ניי־געקומענער

מוז איהם צאהלען לויב און אנערקענונג, און מוז אויך אויפהערען צו זאגען ביי יעדער פלאנצען פון א בוים „הריני מוכן ומזומן לקיים מצות וכו׳...״

אין גאנצען איז עס נאך ניט געשעהן. מע רעדט נאך אלץ מעהר ווי מע טהוט און דער גראבער פינגער ארבייט מעהר ווי די האנד... און עס זיינען אויך דא אזעלכע וואס זיינען ניט וואכעדיג און ניט שבת׳דיג, געוועזענע אידע־אליסטען מיט שפורען פון אפגעבליאקטען אידעאליזם נאך שטארק ניכר. זיי מאכען דעם איינדרוק פון אן אפגעריבע־נער אטלאס־זופעצע, אדער פון עפעס זעהר א טייערער משקה — נאר אן אויסגעוועפטער...

...בעפאלט מיך א דונקעלער מאמענט, דרעה איך אום דעם פסוק און זאג: א וואויל לאנד האבען מיר, און האט מען א לאנד וועט מען שוין האבען די פאסיגע מענשען. די ערד וועט זיי ערציהען...

...עס איז נאך פריה... איצט מוז מען לעבען אויף מיטגעבראכטען קאפיטאל און ווערט דער קאפיטאל אפגע־ניצט אין פערלויף פון יאהרען, בלייבט מען פערארעמט, הויבט מען גאר אן זיך אפלערנען פון דעם ארבער... אבער איך קוק אויף אלץ ווי אויף א צוזאג, און דער צוזאג איז א זיכערער, א קוראנטער. אן ענגלישע באנק־נאטע איז ניט זיכערער...

...פלעג איך און דו זיצען אפט און זאגען: וועה צו אונז וואס מיר זיינען געבארען אין א דור פון שוואכקייט, ווען דער אמת וואלט אפט געמיינט פערראטה... פלעגען

מיר מקנא זיין אונזערע נאכקומער וואס וועלען זיך קענען פערגינען דעם תענוג פון זעלבסט־קריטיק מיט א גוטען גע־וויסען...

דא לכל הפחות וועט די מורא פערשווינדען. די רייפען זיינען שטארק ארום און וועט איין פערפוילטע קליעפּקע ארויסגעווארפען ווערען, וועט קיין סכנה פאר דעם פאס ניט זיין...

. . . .

...אט וועל איך דיר דערצעהלען א בעזונד וואס איך האב געמאכט:

אין א ווייסער שטילער לבנה־נאכט האב איך אריבער־געשפאצירט צום „קלוב הפועלים".

אז איך בין ארויס פון דעם אייקאליפּטען־וועלדעל דורך וועלכען דער וועג פיהרט אהין, האב איך פון דער וויים דערזעהן דאס קליינע הויז העל בעלויכטעט און א גע־מיש פון יונגע לוסטיגע קולות, לאכענדיג און זינגענדיג, האט זיך צוזאמען מיט דעם לבנה־ליכט צושאטען איבער'ן גאנצען טהאל.

איך בין ארויף דעם בערגעל און בין אריין אין „קלוב". דאס צימער איז געווען אנגעפילט מיט אן הונגעריגען עולם. דער קא־אפּעראטיווער בופעט איז געווען בעלאגערט און דער פערקויפער, א יונגער־מאן מיט א פּאאר ערנסטע מרה־שחורה'דיגע אויגען האט ניט שנעל גענוג געקענט דערלאנ־גען די פערלאנגטע לאקאמסטוועס: ברויט, טהיי און אראנזשען. די וואס האבען שוין איינגעהאנדעלט זייער וועטשערע, זיינען געזעסען אויף לאנגע בענק ארום די

װענד אדער אַרום דעם גרױסען נאַקעטען טיש און האָבען געגעסען מיט אַזאַ יום־טוב׳דיגער אױפגעראַמטקײט װי פאַר זײ װאָלטען געשטאַנען מעדני מלך.

איך האָב געפרעגט דעם שטילען פּועל בײם בופעט צי עס געפינען זיך אין בופעט נאָך אַנדערע מיני עסענװארג צו פערקױפען אחוץ טהײ, אַראַנזשען און ברױט.

— מיר האָבען — זאָגט ער — הערינג אױך אין זאַ־פּאַס. אָבער דאָס קען זיך ניט אָבי װער פּערניגען.

— און פּוטער ? — פרעג איך װי אַן אמת׳ער עם־הארץ.

— װעגען פּוטער געהען אַרום לעגענדעס...

אַ יונגער פּועל פון אַ יאָהר נײנצעהן, אַ שטאַרקער בחור מיט װעמען איך האָב זיך בעקענט אַ פּאָאַר טעג פריהער, דערזעהט מיך און קומט מיר דריקען די האַנד.

— גיט עפּעס אַן עצה װעגען אַפּעטיט.

— קאַליע געװאָרען ? — פרעג איך מיט גרױס רחמנות.

— װאָס מיר קאַליע ? — לאַכט ער מיט װײסע צײהן װאָס קענען, דאַכט זיך, צוקײען אַ פּאָדקאָװע — ער װאַקסט פון טאָג... אַמאָל איז אַ ברױטעל פאַר פינף מע־טעליק געװען גענוג. איצט װיל ער — מײנענדיג דעם זינדיגען אַפּעטיט — ניט אַנדערש װי אַ ברױטעל און אַ האַלב. דאָס מײנט אַ קימאַ־לן פון זיבען־און־אַ־האַלב מע טעליקעס. און מעטעליקעס פערשטעהט איהר מיך איז בײ אַ פּועל אין ארץ ישראל אַן אײדעלע זאַך...

אַ יונגער בחור׳ל האָט אונטערדעסען אַראָפּגעשלונגען

זיין לעצטען ביסען און הויבט אן זינגען. דער עולם האלט אונטער און עס ווערט א זינגעריי און א פאטשעריי מיט די הענד:

ברוך אלהינו שבראנו לכבודו
ברוך אלהינו שבראנו לכבודו
אי לכ—בו—דו...
לאי—די—די, לאי—דא—דא,
לאי—די—די—דאם—דאם...

איך האב געקלערט וואס אז ערד וואלט פאסירט ווען איך האק זיי פלוצים איבער אין מיטען זינגען און איך לייען פאר ראזענפעלד'ס בעוואוסט ליעד:

„נאר ברויט מיט טהיי און ברויט מיט טהיי,
דאס איז א קעסט אז אך און וועה"...

זיי וואלטען דאך מיר אויף שטיקער צוריסען. דער פועל מיט'ן זינדיגען אפעטיט וואלט דאך מיר דער ערשטער געהייסען ארויסווארפען...

ווארום דער ברויט־מיט־טהיי עסער ווייס אז ער איז דער בויער און דער יורש פון לאנד...

אזוי לאנג ווי מע האט זיך געשפיעלט אין „ישוב", און עס איז א לוקסוס געווען, זיינען די פיינע בעלי־בתים געגוג געווען. אבער אז דער ישוב איז געווארען די ערנסטע גרויסע זאך פונ'ם פאלק, איז געקומען די רייה צו זיי, צו די ארבייטער...

דער פרדס און דער כרם איז נאך אלעמען דאך ניט קיין „סוועט־שאפ". דער בלאער הימעל און די זון דער־

לעגען מיט דער פולער האנד וואס דער „בועז" דערצאהלט ניט...

איבריגענס האט „בועז" אסך מקריב געווען און אסך געליטען צוליעב ארץ ישראל און איז צו איהר צוגעטהאן מיט אלע פעדעם פון זיין נשמה. און די שותפות'דיגע ליעבע צו לאנד און פאלק איז פיעל שטארקער און גרעסער ווי די חשבונות וואס מע האט מיט איינאנדער...

. . . .

דיין...

XLIV.

„התאחדות המושבות"

ווען די גרויסע שעה זיך נעהנט,
וועלען זיין געגרייט די הענד,
פעסט דער פוס אויף אונזער ערד,
קלאָר דאָס אויג און שאַרף די שווערד...

ווען דער כרם גרין מיט שטאָק,
ווען דער פרדס פול מיט סאָק,
ווען דאָס פעלד מיט קאָרן געל,
זאָגען אונז מיט שטומער קעהל: —

איהר געאַקערט און געגרייט,
איהר געפלאַנצט און איהר געזייהט,
אייער מיה און אייער ערד —
פריהער רידעל, איצטער שווערד...

איך בין מיטגעפאָהרען אין ראשון לציון מיט ס... און נאָך איינינע מיטגליעדער פון דעם רחובות'ער ועד, אויף אַ פערזאַמלונג פון די „התאחדות המושבות" (פערבאַנד פון די קאָלאָניעס), וועלכע האָט זיך ניט לאַנג צוריק גע־גרינדעט און פון וועלכער עס ווערען ערוואַרטעט אַסך פראַקטישע אויפטהוען פאַר'ן ישוב.

די אסיפה איז געווען אין בית־עם, א הויכער ליכטי־גער זאאל מיט גרויסע פענסטער פון אלע זייטען.

עס זיינען געווען דעלעגאטען פון פתח תקוה, עקרון, גדרה, קסטיניה, באר יעקב, ואדי חנין, רחובות און אנ־דערע קאלאניעס.

דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען געווען בעיאהרענטע מענשען, אייניגע אין גאנצען וויים. אלע איינגעווארצעל־טע תושבים אין ארץ ישראל, וואס האבען זייערע פראבע־יאהרען לאנג הינטער זיך, אלע פערטרעטער פון דעם געזונדען איינגעפונדעוועטען ישוב.

די זיצונג האט געדויערט א לאנגע צייט — מיט אייניגע אונטערברעכונגען ארום זעקס שעה. א סך זאכ־קענטניס און א סך פראקטישקייט איז ארויסגעוויזען גע־ווארען פון די וואס האבען זיך בעטייליגט אין דער פער־זאמלונג. דער אידישער קאפ האט זיך דא ארויסגעצייגט אין זיין גינסטיגסטען ליכט.

מ'האט ארומגערעדט פיעל וויכטיגע פראגעס. צווי־שען אנדערע זאכען, איז געווען אויף דער טאגעסארדנונג, דער פלאן ארויסצוגעבען א צייטונג וואס זאל זיין דער אפיציעלער ארגאן פון די קאלאניסטען, און זאל צושטעלען דעם קאלאניסט אחוץ נייעס און לעזע־שטאף אויך אלע נויטיגע ידיעות פאר אגריקולטור, פלאנטאציעס, פיה־צוכט א. א. וו.

די פראגע פון א פערזיכערונג־געזעלשאפט וואס זאל אסעקורירען בהמות — איז דיסקוטירט געווארען. דערביי האבען אייניגע דעלעגאטען ארויסגעוויזען א בעהאווענט־

קיים אין דעם ענין וואָס מע וואָלט קוים געקענט ערוואַר־טען פון מענשען וואָס האָבען דעם גרעסטען טייל פון זייער לעבען פערבראַכט אין אַ קאָלאָניע, אין ארץ־ישראל.

מעהר פון אַלצדינג איז ארומגעשמועסט געוואָרען די פראַגע ווי צו נייטראַליזירען די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע וואָס ווערט אָנגעפיהרט אין די אַראַבישע צייטונגען, און איבערהויפּט ווי נעהנטער צו בעקענען די אידישע קאָלאָ־ניסטען מיט דאָס וואָס זייערע אַראַבישע שכנים טראַכטען און ריידען וועגען זיי.

עס בעט זיך ביי דער געלעגענהייט צו בעמערקען, אַז די אונוויסענהייט פון די אידישע תושבים אין פּאַלעסטינאַ בנוגע צו דעם אינערליכען לעבען און פּסיכאָלאָגיע פון די אַראַבער, איז איינער פון די קראַנקסטע פּונקטען פון דעם ישוב. קאָלאָניסטען וואָס וואוינען שוין אין ארץ־ישראל צעהנדליגער יאָהרען, קענען בלויז גענוג אַראַביש זיך צו קענען צוזאַמענריידען מיט זייער אַראַבישען „אַראַבאַדזשי״ אָדער זייערע אַראַבישע פעלד־ארבייטער. פון שרייבען און לעזען אַראַביש איז אָפּגערעדט.

קומט אַן אָפיציעלער בעפעהל פון דער רעגיערונג, אָדער אַזוי אַן אַראַבישער דאָקומענט, איז אָפּט ניטאָ אין דער קאָלאָניע ווער עס זאָל עס קענען איבערלייענען. עס זיינען געווען פאַלען וואו מע האָט זיך גע׳חתמ׳עט אויף פּאַפּיערען אויף וועלכע מע וואָלט זיך בשום אופן ניט גע׳חתמ׳עט ווען מע וואָלט געוואוסט וואָס דאָרט שטעהט, און עס זיינען דערנאָך ארויסגעקומען גרויסע צרות.

די פענסטער זיינען געווען אפען און די גאנצע צייט וואס די אסיפה האט אנגעהאלטען, האבען די פויגלעך ניט אויפגעהערט צו צוויטשערן פון אלע זייטען. די צוויטשעריי איז געווען אזוי הילכיג, אז מע האט אפט ניט געקענט הערען געגוי וואס עמיצער זאגט.

פאר דאס וואס איך האב געטראכט זיצענדיג צווישען די פערזאמעלטע, איז די לוסטיגע שטיפעריי פון די פויגלעך און די ליכטיגקייט פון דעם זאאל געווען דער פאסיגסטער אקאמפאנימענט.

אט פון אזא קערפערשאפט — האב איך צו זיך געזאגט — וועט זיך מיט דער צייט ארויסוויקלען די ערשטע געזונדע יאדרע פון א אידישער אויטאנאמער בירגערשאפט.

נאך דער צייט פון העלדישען פיאנערטום, וועט קומען א צייט פון מוטיגען, שטאלצען בירגערטום, ווען די ווילהעלם טעללס ווערען געבארען...

די פראגראם וואס די „התאחדות המושבות" האט זיך געשטעלט, איז זעהר א גרויסע און אומפאסענדע. מע האט געקאנט לייכט זעהן אז ניט אלע מיטגלידער זיינען צופרידען, אז די „התאחדות" זאל זיך אפגעבען מיט אנדערע זאכען, אויסער אגריקולטורעלע און עהנליכע אונמיטעלבארע בעדערפעניסען פון די קאלאניסטען.

איך האב געקלערט, אז אונטער דער פיהרונג פון א פאאר בריטזיניגע, פעהיגע און ענערגישע טהוער, וואלט די ארגאניזאציאן מיט דער צייט געקענט ווערען די שטארקסטע אין לאנד. אויב עס דארף געמאכט ווערען אן ערשטער פרוב צו ארגאניזירען די פערשידענע עלעמענטען

פון ארץ ישראל אין איין מעכטיגען צוזאמענבאנד — און וועגען דעם קען דאך קיין חלוקי־דעות ניט זיין — איז אודאי דאס גלייכסטע, אז אנהויבען זאל מען מיט די קאָ־לאָניסטען, וועלכע זיינען מעהר אנגעבונדען צום לאנד ווי די שטעדטישע, און זיינען ממילא דער פונדאמענטאלסטער שיכט פון דעם ישוב־געביי.

אין פערלויף פון דער אסיפה בין איך ארוים אנקוקען די קאָלאָניע.

אן אלטער בכבוד'ער קאָלאָניסט, וואס האט אויס־געזעהן ווי א פוילישער שליאכציץ, האט מיך געפיהרט ווייזען דעם פארק. דער טויער פונ'ם פארק איז געוועזען פער־שלאסען. ער ווערט בלויז געעפענט שבת. זעלטען ווען אן־דערוואכען.

מיין פיהרער האט געשיקט נאכ'ן שליסעל און האט מיך איינגעלאדען אריינצוגעהן.

דער פארק האט מעהרערע אלעען פון פראכטיגע פאלם־בוימער, א חוץ פערשידענע זעלטענע טראפישע ביי־מער. א טייל פון דעם פארק איז א ביארע וואס ברענגט דער קהל'שער קאסע פון דער קאָלאָניע א יעהרליכע הכנסה פון צעהן טויזענד פראנק.

די פאלמען האבען מיר פערשאפט א בעזונדערען נחת־רוח. איך פלעג אויפמערקזאם מאכען מיינע בעקאנטע אויף דעם פאקט וואס אין קיין אידישער קאָלאָניע וואס מיר איז אויסגעקומען צו זעהן, האב איך ניט געטראפען א פאלמבוים, די שעהנסטע ציערונג פון אריענטאלישע לאנד־

שאפּטען. די אורזאַך איז ניט געווען ווייט צו זוכען. פאַל־מען פאַרדערען יאַהרען, און די ערשטע וואָס האָבען זיך בע־זעצט אין די קאָלאָניעס, האָבען פון אזעלכע לוקסוסען ווי פאַלמען ניט געקענט טראַכטען. געווען נויטיגערע זאַכען צו בעזאָרגען און דרינגענדערע בעדערפעניסען צופרי־דענצושטעלען.

אין ראשון לציון איז גלייך פון אָנהויב קענטיג געווען עמיצער וואָס האָט געהאַט אַן אויג און אַ זין פאַר שעהנ־קייט און קיין געלט האָט ניט געפעהלט... דער באַראָן האָט געגעבען מיט דער פולער האַנד.

איצט שטעהען די פאַלמען הויך און שטאָלץ — אַ סימבאָל פון פערגאַנגענהייט און טראַדיציע...

נאָך אַן אָנדענק פון באַראָן האָט ראשון לציון — די וויין־קעלערען, בלויז אַ טייל פון וועלכע דער קאָלאָניסטען־סינדיקאַט געברויכט.

פאַראַן אַ מאַשין צו מאַכען אייז גענוג פאַר אַ גאַנצע מדינה און לסוף מוז זיך ראשון לציון אין גאַנצען בעגעהן אָהן אייז: די מאַשין איז צו גרויס, לוינט זיך ניט זי צו בעטרייבען...

איך האָב געזעהן ריעזיגע שטאָהלענע רערער און קעס־לען ווי זיי ראָסטען אויף זייערע געשטעלען...

איין קעסעל, ווען ער איז אָנגעקומען פון פראַנקרייך, איז געווען צו האַמעטנע גרויס, מען זאָל איהם קע־נען אויף אַ באַרקע אויפלאָדען. האָט מען איהם מיט האַלץ ארומגעשלאָגען און איהם געלאָזט שווימען ביז צום ברעג.

און דערנאָך האָט עס טעג גענומען ביז מען האָט איהם אויפ'ן ווייכען זאַמדיגען וועג קיין ראשון לציון געבראַכט...

איצט ראַסט דער אייזערנער ריעז.

דידאַזיגע ריעזיגקייט, געפּלאַנט פון פּאַריז אַרויס, האָט שיער ניט צודריקט דעם שוואַכען ישוב...

צוריקפאַהרענדיג פון ראשון לציון קיין רחובות האָט עמיצער דערצעהלט, אַז אַ קאָמיסיע פון דער איטאַליעני־שער רעגיערונג איז געקומען שטודירען די אידישע מע־טאָדען פון קאָלאָניזאַציאָן, כדי זיי איינצופיהרען אין טריפּאָלי...

אַ בוקעט פּאַר אונזערע פּיאָנערען.

עס איז שוין געווען אַ שטיק אין דער נאַכט און דער הימעל איז געווען לויטער שטערען.

ביי טאָג הויערט די זונן פון פּאַלעסטינאַ איבער אַלצ־דינג, און וויגט אַריין אין זיך אַלע געדאַנקען און חלומות. זי ציהט זיי אַרויס פון זייערע בעהעלטעניסען און זיי צו־רינען ווי נעבעל־שטרייפען אין איהר שימער... ערשט אין שטערען־ליכט קומען זיי צו זיך און ווערען ווידער פריי...

זאָג איך צו זיך : די נביאים האָבען געמוזט זעהן אַלע זייערע זעהונגען ביי נאַכט... ביי טאָג איז ארץ ישראל צו העל...

XLV.

אין אַ ביאַרע

שושקען וואָרצלען צו דעם שטאַם:
טרינקען וועלען מיר א ים
פריה און שפעט און נאַכט און מאָרגען,
וואַסער־שפע צו בעזאָרגען...
וואו אַ שפריץ און וואו אַ טריף,
פון דער תהיך און פון דער טיעף,
זופען וועלען מיר און נאַשען
און דערנאָך דעם בוים בעוואַשען,
וועט אַ ברכה זיין דערפון,
און דעם רעשט וועט טהאָן די זון...

שושקעט צו דעם שטאַם אראָפּ
פון דער הויך דער בוים: מיין קאָפּ
איז פון שטראַהלען אויסגעצוואָגען,
וועל איך שעהנע פרות טראָגען —
גרויס און רונד און פריש בעטהויט,
ווייַן דאָס הארץ און גאָלד די הויט,
וועט מען זיי מיט שמחה פליקען,
וועט מען זיי אויף ימים שיקען,
איינס אין איינס געפּאַקט געדיכט,
רויטע שטיקער זונענליכט...

ס'איז שבת אין דער פריה. דער בית־הספר איז צו־געמאכט און אין דער קאלאניע איז נאך שטילער ווי געווענליך. פון דער שוהל אויפ'ן בארג קען מען הערען ווי דער בעל תפלה זינגט אויס „קדושה". די שמידארניע הינטער אונזער הויז איז צוגעמאכט, און די טהיר איז פערשפארט מיט א האלב־פארטיגען ראד. דער הינקעדיגער שמיעד האט זיך אויסגעפוצט אין זיין ווייסע אויסגענעהטע בלוזע, און לאזט זיך מיט זיין יונגער ווייב אוועק בעקוקען דעם קליינעם כרם אין וועלכען ער טהוט אריין אלץ וואס ער קען אפשפארען פון זיינע קליינע פערדיענסטען.

רופט מיך מיין שכן חאוואדזשא מוסאה אויף א שפאציער צו זיין ביארע *). מיר געהען צווישען וויינגערטנער, געהען פארביי א אייקאליפטוס־וועלדעל און לאזען זיך איבער די פעלדער אראפ אין טהאל.

איך זוך מיינע ליעבלינגען, די געלע מארגעריטקעס און ווילדע רויטע מאהן־בלומען — ניטא מעהר קיין זכר פון זיי.

איצט איז די צייט פון מעהר ערנסטע זאכען ווי בלומען. די מאנדלען צייטיגען זיך און די טרויבען פילען זיך אן מיט וויין — פליים און ארבייט זאלען זייער בעלוינונג קריגען...

מיר קומען צו דעם פרדס. אויסגעצויגען אויף דער

*) אראבישווארט פון „בי'אר" — ברונעם, צוליעב דעם ברונעם אדער ברכה (בירקע) וואס יעדער אראנזש־גארטען מוז האבען פאר בעוואסערונג.

הוילער ערד נעבען זיין הייזעל, שלאפט דער שומר, א הויכער דארער גורדזשי, אין א לאנגען שווערען קאפטאן, מיט לעדיגע און האלב־צוריסענע געוועהר־טעשקעלעך אויף דער ברוסט און א שווארצע באראנקאווע היטעלע, כאטש די זון ברענט ווי א פייער. נעבען זיינע בארוועסע פיס פינטעלט מיט די אויגען אקעגען דער זון א גראער מאגערער הונד, וואס זעהט אוים ווי א שאקאל.

דער שומר כאפט זיך אויף:

— שבת שלום! (שאבאט שאלאם)

— שבת שלום!

ס'איז היים, טראגט ער אונז ארוים א „איבריק" קאלטע וואסער צום טרינקען.

מיר געהען שטיל דורך די רייהען פון די געדיכט־בעצווייגטע, נידעריגע אראנזש־בוימער. פון די טונקעל־גריינע שירעמס פינקלען אין דער זון, בראנד־פארביגע האלבריפע מאראנצען... דער פעסטער שטאם נעהמט אלע זיינע כוחות צונויף צו טראגען אויף זיך די שווערע לאסט...

מוז מען אפט צו הילף קומען. די עשירות צו גרוים. די צווייגען חלש'ען אראפ מיט זייער טייערער משא, מוז מען זיי מיט שטאנגען אונטערלעהנען.

צווייגען, בלעטער, שטאם און פרוכטען אלע זיינען פערנומען מיט איין זאך — וואקסען... דיווארצלען זויגען און ציהען אריין דאס וואסער וואס די ברכה (בירקע) שיקט זיי צו דורך אייזערנע רעהרען און ווילען נאך און נאך...

מיר שפרייזען פון איין שורה צו א צווייטער. אומע־דום דיזעלביגע געדיכטע, פעסט־געבויטע טונקעל־ערנסטע בוימער, פערטהאן בלויז אין איין זאך, אנשטרענגענדיג אלע כחות אויף איין ארבייט — וואקסען און ברענגען וואס מעהר שפע... געהען מיר צווישען זיי און זיי ווינקען מיט די גרינע קעפ: —

— אסור להפסיק...

חאוואדושא מוסאח קוקט אויף זיינע בוימער מיט ליעבשאפט.

— קומט איך וועל אייך די התחלה ווייזען...

ער געהט פאראויס און איך געה איהם נאך. מיר ריידען ניט א ווארט. מע קען נאך חס וחלילה די אראנזש־בוימער אין זייער ארבייט שטערען...

קומען מיר צום סאמע עק פון דער ביארע. דא איז די „שוהלע". דא האדעוועז זיך די ריטלעך פון זיסען ציט־ראז. א לא־יוצלח איז דער זיסער ציטראז, אבער פון איהם קומען די געשמאקע זאפטיגע מאראנצען ארויס...

פון דער „שוהלע" נעהמט מען דעם לא־יוצלח'דיגען חאדעוואניק ארויס און מע פלאנצט איהם איין אין גוטער, רייכער ערד, און מע פילעוועט איהם און מע פאסט איהם אויף און אז ער האט ווארצלען געשלאגען און איז א תושב געווארען אין זייער נייער חיים, שניידט מען איהם די ברוסט אויף און מע שטעקט אהין אריין א „גרעף" פון מאראנצען... זויגט דער גרעף די זאפטען פון דעם טויגע־

ניכטס און שיסט ארויס א צווייגעל... מיינט דאס דאס ענד פון דעם זיסען ציטראן. האקט מען איהם אפ. איבער דעם נייעם מאראנצען־צווייגעל. וואקסט דער יורש און געדייהט און דער שטיעף־טאטע איז פערגעסען...

שיסט דער ציטראן־שטאם פון אונטען ארויס ריט־לער. א זכרון כאטש וויל ער. האקט מען זיי ארונטער. א שאד די זאפט. דער מאראנצען־צווייג דארף יעדען טראפען האבען. איינעם נאר לאזט מען איבער. עס איז געזונד פאר'ן בוים. רופען די אראבער דאס איינציגע רי־טעל פון דעם געוועזענעם ציטראן־בוים—„חינזיר" (חזיר).

פון דארט קומען מיר צו א ניי־געפלאנצטען פּרדס פון אראנזשען און לעמאנען. וואס געהערט צו דעם ניו יארקער ציוניסט ל... חאוואדזשא מוסאה האט פאר איהם די ערד געקויפט און די בוימער געפלאנצט און איז טאקי אליין דער פערוואלטער איבער דער נייער ביארע.

אויב יא דאס אייגענטום פון אן אמעריקאנער. וויל איך האבען „באקשיש" — א שטעקעל פון לעמאן־האלץ. חאוואדזשא מוסאה זאגט מיר צו. ער שמייכעלט: —

— אייערע אמעריקאנער האבען מזל. דער פּרדס וואס איהר זעהט וועט אמאל זיין איינער פון די בעסטע וואס געפינען זיך אין רחובות...

מיר געהען ארויס פון דער ביארע. דער הימעל בלענדט

מיט זיין בלאקייט און די לאנדשאפט איז דיק בעשנייט מיט זונענשיין...

— איהר ווייסט — רופט זיך אפ מיין בעגלייטער — עס בענקט זיך ציימענווייז נאך שנעע... דער רוסישער פראסט און די ווייסע פעלדער קומען אפט צו חלום און די נשמה גאהרט נאך זיי... דא היא איז שטענדיג זומער, צו־מאל קיין רעכטער פריהלינג ניטא... ניטא די פרייד פון פריהלינג, אזוי ווי עס איז ניטא די פערצווייפלונג און דער טויט פון ווינטער...

XLVI.

פון דאנען און פון דארטען

ס'האט ניט לאנג גענומען דעם עולם אין דער קאלא־ניע אויסצוגעפינען, אז מיט יעדער פאסט קריגען מיר אריין גאנצע פעק אידישע צייטונגען פון אמעריקא. איז מען געקומען בעטען איך זאל געבען צו לייענען. לכתחלה האב איך זיך געקווייקעלט. די ראליע פון א מיסיאנער פאר אידיש אין ארץ־ישראל איז ניט געווען לויט מיין גוסט... חוץ מזה האב איך ניט פערגונען דעם אלטען פ... מיט די גרויסע בלאע ברילען, אז זיין נביאות זאל מקוים ווערען. דער דאזיגער פ...., וואס איז מיר איבעריגענס געווען א גאנץ גוטער פריינד, האט א פאאר חדשים נאך מיין אנקומען אין רחובות, פאראויסגעזאגט אז איך וועל פער'אידיש'ען די גאנצע מושבה מיט א ש מ י י כ ע ל. אט דוקא דאס וואס איך רייס זיך ניט דעם פעלץ פאר „זרגונית", און בין כלומרשט א פריינד פון העברעאיש, האט ער בעטראכט פאר די גרעסטע סכנה...

אבער אז איך האב געזעהן ווי די בערג מיט צייטונ־גען ווערען גרעסער וואס א טאג און וואס אין זיי איינצו־וויקלען איז ניטא, האט מיין שטרענגקייט גענומען נאכ־

לאזען. דערצו נאך זיינען די וואס זיינען געקומען נאך ציימונגען אזוי צוגעשטאנען, אז מען האט געדארפט האבען א הארץ פון קיזעלשטיין זיי אבצוזאגען. האב איך אבגעוואשען מיינע הענד פון דער פעראנטווארטליכקייט. זאל געשעהן וואס ס'וועט געשעהן און זאל די עבירה פאלען אויף די רעדאקציעס, וואס שיקען מיר זייערע ציימונגען.

די צייטונגען פלעגען פערצוקערט ווערען. מען האט שוין אויף זיי געוואָרט מיט אונגעדולד און זיי פלעגען געהן פון האנד צו האנד. אייניגע האבען פאראויס בעשטעלט, איך זאל למען השם קיין אנדערען ניט געבען פריהער פון זיי.

ברעבד האט עס מיר הנאה געטהאן. אט — האב איך געקלערט — זאלען די רחובות'ער אידען וויסען וואס פאר א גרויסע שעהנע ליטעראטור מיר האבען אין אמע־ריקא אויפגעבויט.

שפעטער, אז מיינע קונדען האבען זיך אנגעהויבען נאכפרעגען אויף געוויסע נומערען, איז מיר א חשד איינ־געפאלען, און נאך א קורצער אויספארשונג האט זיך ארויסגעשטעלט, אז ניט־ווילענדיג און ניט־וויסענדיג האב איך געהאלפען פערשפרייטען אין ווייטע לענדער דעם „פערלארענעם חתן" — „א ראמאן פון מארד און ליעבע, פון ניו יארקער לעבען".

צוגלייך מיט די אידישע צייטונגען האבען מיר אריינגעקראגען ענגלישע זשורנאלען, געגוג אויסצושטא־

טען א קליינע ביבליאטעק. יעדער איינער פון אונזערע גוטע פריינד אין אמעריקא, באשר הוא שם, האט עס געהאלטען פאר א חוב קדוש אונז צושיקען איין אדער מעהרערע וועכענטליכע אדער מאנאטליכע זשורנאלען. ס'פערשטעהט זיך, אז יעדער פון זיי האט אויסגעקליבען דעם זשורנאל וואס ער אליין האט פון איהם די פינגער געלעקט און ער האט געוואלט אז מיר זאלען אויך דערפון הנאה האבען.

דער רעזולטאט איז געווען, אז אונז זיינען אנגעקומען זשורנאלען איבער ספארט, איבער מעדיצין, איבער שאך־שפיעל און איבער וואס איהר ווילט אליין. אז הומאר און וויץ זיינען שטארק פערטראטען צווישען מיינע פריינד אין אמעריקא, האט בעוויזען די גרויסע צאהל קאמישע זשורנאלען און וויצבלעטער וואס איך האב געקראגען.

א יונגער אמעריקאנער בחור פון ניו יארק, אזוי ווי א פרומער איד פערפעהלט ניט תשליך, האט ניט פערפעהלט יעדען חודש מיר צו שיקען א זשורנאל פון „דעטעקטיוו סטארים". א צווייטער האט געהאט א חזקה אויף שיקען די „פאני פיידזשעס" (די קאמישע אפטהיילונגען) פון אלע זונטאגדיגע ניו־יארקער צייטונ־גען.

. . . .

צו אונזער עמערסאניסטישען פריינד מ... איז געקו־מען א גאסט פון אמעריקא — זיין ברודער פון פענסיל־וויינייא. דאס איז דער בעל־הבית פונ'ם הויז וואו מיר וואוינען, און ער איז ממילא אונזערער א מחותן.

ער בעזוכט אונז יעדען טאג און אז ער קומט געהען מיר ארוים אין דעם ניי־געפלאנצטען פרדס, און אז מיר קומען פערביי א בוים נעהמט ער אן דעם שטאם אדער ער בויגט אראפ א צווייגעל, און גלעט עס מיט גרוים ליעבשאפט: זיינע פערטרעטער אין ארץ־ישראל. ווען נים די ווייב וואס האט זיך איינגעשפארט און זאגט, אז מען מוז ווארטען ביז די קינדער וועלען דורכמאכען סקוהל, וואלט ער שוין לאנג דא היע געווען מיט זיין פאמיליע.

ער שפירט צו אונז א בעזונדערע קרובה'שאפט ווייל מיר קענען יעדער טאג דורך אונזערע פענסטער זעהן זיינע ארץ־ישראל'דיגע בוימער. ער איז אונז מקנא... אין דעם פערוואָרפענעם שטעדטעל אין פענסילווייניא צווישען גויים, ציהט איהם דאס הארץ צו די דאזיגע בוימער און ער צעהלט די טעג און די וואכען, ביז די קינדער וועלען ענדיגען סקוהל.

שוין דאס צווייטע מאל וואס ער קומט בעקוקען זיין אייגענטום אין ארץ ישראל. אז ער קעהרט זיך אום פון זיין נסיעה און הויבט ווידער אן זיין וואכעדיג לעבען, לעבט ער אין דעם זכות פון די טעג וואס ער האט פער־בראכט אין פאלעסטינא, ביז די בענקעניש איז ווידער גובר און ער פאהרט ווידער זיך אנשעפען מיט ארץ־ישראל...

א גרוים נעשעפט האט ער אויפגעבויט אין דעם שטעדטעל וואו ער וואוינט, א חשוב איז ער צווישען דער גוי'אישער בעפעלקערונג, און פון אנטיסעמיטיזם ווייס

מען דארט בכלל ניט. ער אבער פיהלט זיך דארט פרעמד און פרעמדער פון טאג צו טאג...

ער דערצעהלט מיר ווי נאך פון קינדרוויין אן איז ארץ־ישראל געווען דער מיטעלפונקט און דער מאגנעט פון אלע זיינע געדאנקען. שפעטער, אז דער גורל האט איהם געבראכט קיין אמעריקא, האט זיך דאס געפיהל פערשטארקט. אין די ערשטע יאהרען איז ער געווען א פעדלער, און אז ער פלעגט פאהרען אין זיין וועגעל פון איין דארף אין צווייטען, פלעגט ער אפלאזען די לייצעס, לאזען דעם פערד לאנגזאם בראדושען אין דעם ווייכען קויט און ער אליין פלעגט פערזינקען אין פינסטערע מחשבות... ער איז געווען א ציגיינער אהן א היים און אהן א לאנד... איז זיין אויג געפאלען אויף די שטיקער בלאטע וואס האבען זיך צוגעקלעפט צו די שפאקען פון די רעדער, און ער האט געזאגט צו זיך: אט זיי איך און האב געלט אין קעשענע, וואס איז מיינס, און סחורה אויפ'ן וואגען וואס איז מיינע, און דער וואגען איז מיינער, און די רעדער זיינען מיינע, אבער דאס שטיקעל ערד וואס האט זיך צוגעקלעפט צו דעם ראד איז ניט מיינס. דאס איז פרעמדע ערד מיט וועלכער איך געהער זיך גאר ניט אן.

— און אט דער בוים וואס איך האב נ י ט געפלאנצט און ניט געווען צומאל דערביי ווען ער איז געפלאנצט געווארען, ער איז מיינער אן אייגענער, און די ערד איז מיר א נאהענטע און רעדט מיר צום הארצען...

הײנטיגס מאָל איז מיט איהם מיטגעקומען אײנער פון זײנע גוי'אישע אָנגעשטעלטע אין דעם מעבעל־געשעפט, א מר. קונס, װאָס איהם האָט זיך שטאַרק פערגלוסט צו זעהן „דהי האַלי לענד", א הויכער שטאַרקער יונג מיט שטרוי־העלע האָאר און גרויסע האַמעטנע הענד, װאָס רעדט זעהר װעניג און איז קײנמאָל אין זײן לעבען װײטער װי פּיטסבורג ניט געפאָהרען. גענוג צו טהאָן א קוק אויף איהם, צו זעהן, אַז איהם איז דער יום־טוב שטאַרק נמאס געװאָרען און אַז איהם בענקט זיך נאָך דער „פּאַרניטשור־סטאָר"...

מ... איז א קלײנער און אַז אויסגעמאַגערטער, און גרײכט זײן בעגלײטער ניט העכער װי ביז דער װעסט־קעשענע, אָבער דער הויכער קונס האַלט זיך אַן מ...'ן װי א קראַנק קינד אַן דער מאַמע'ס פאַרטוך. ער האָט איהם מורא אַפּצולאָזען אויף א טריט. אַהן איהם פיהלט ער זיך װי א פערלאָרענער.

זײן גאַנצער קומען אַהער איז קענטיג א מקח טעות, און מ... פערשילט זיך דאָס לעבען װאָס ער האָט איהם מיטגענומען. אין „דזשערוזאַלעם", װאו די „לאַנדסלײט" זײנען געפאָהרען צוזאַמען און האָבען פערבראַכט א פּאָאר טעג, איז געװען גענוג פאַר בײדען. אין רחובות איז אויף דעם גוי א גאָט'ס רחמנות. ראשית זעהט עס לחלוטין ניט אויס װי „דהי האָלי לענד", און צװײטענס איז איהם פּשוט לאַנגװײליג.

אין דעם האָטעל װאו מ... האָט איהם אײנגעקװאַטירט פאַר דער צײט װאָס ער װעט בלײבען אין דער

קאלאניע, פערשטעהט מען ניט א ווארט ענגליש. קיין גרויסער בעל־דברן, ווי געזאגט, איז דער גוי ניט, און עס וואלט רעכט געווען ביי איהם אהן ריידען אויך. קומט אבער צום עסען ווערט ער אויסגעריסען.

א קרבן פון נייעם ישוב...

אז מ.. האט איהם דעם ערשטען מאל געבראכט צו פיהרען אין אונזער הויז, האט ער אפגעלעבט. ער איז געווארען רעדעוודיג און האט פון זיין ריידען הנאה געהאט, אזוי ווי מען האט הנאה קייענדיג א געשמאקען עסען, וואס מען האט שוין לאנג ניט געקראגען צו פער־זוכען.

מיר האבען איהם אנגעבאטען אלערליי צייטונגען און זשורנאלען צו לעזען, אבער לעזען איז קענטיג קיינמאל ניט געווען מר. קונס' שוואכקייט, האט ער זיי געבלעטערט פון יוצא וועגען און האט געווארט מיר זאלען זיך אפ־קעהרען, כדי ער זאל זיך קענען גוט אויסגעניצען. האט מיין קליינע טאכטער איהם צוגעטראגען א פאק מיט „פאני פייפערס" פון חדשים צוריק און דער גוי האט זיך ארויפגעווארפען אויף די „קאצעניאמער קידס" מיט א שמחה, אזוי ווי ער וואלט געפונען זיינעם א פערלארע־נעם ברודער. די נאזלעכער האבען זיך צושפרייט, די אויגען האבען געשיינט און ער האט אפגעלעבט...

. . . .

נעכטען אבענד בין איך מיט א בעקאנטען געגאנגען הערען קינות זאגען.

און עלטערער איד איז געזעסן נעבן עמוד אויף דער ערד, האט זיך שטארק געשאקעלט און געזאגט „איכה". ארום איהם זיינען געשטאנען א הויפען אינג־לעך און האבען זיך צוגעהערט פון נייגעריגקייט וועגען... די ווייסע זקנים פון דער קאלאניע זיינען געזעסן אויף דער ערד און האבען, ווי פון יוצא וועגען, נאכגעזאגט דעם חזן מיט דעם סקארבאווען אומעדיגען נגון... קיין געוויין אדער קרעכץ האט זיך פון קיינעם ניט געהערט. די איג־גערע קאלאניסטען זיינען געשטאנען אין רעדלעך אויף דער ברייטער וועראנדא פון דער שוהל און האבען געפלוי־דערט וועגען אלערליי זאכען, אדער שטילערהייד צוגע־קוקט ווי די לבנה קומט אן פון יבנה און בעשימערט די גערטנער און פרדסים ארום דער קאלאניע...

ועט מסתמא קומען א צייט ווען דער נײַנטער טאג פון אב וועט זיין א גרויסער יום־טוב און אידישע טעכטער וועלען טאנצען אין די וויינגערטנער און זיך חנ'דלען מיט אידישע בחורים...

דערווייל איז דער איבערגאנג... די קינות האבען זייער גלות־חן פערלארען, און דאס נייע ליעד ווערט ערשט געשאפען. דער גראער בין־השמשות פון ערב־צוקונפט...

זיינען מיר אוועק צו די תימנים. מיר האבען בעזוכט דריי פערשיידענע מנינים. אין אלע האט זיך געשפירט דער אמת'ער אנגעוועהטאגטער תשעה באב. דער גאנ־צער עולם האט געזאגט איכה מיט א וויינענדיגען נגון, און א סך האבען טהרערען פערגאסען...

דרויסען ארום די טהירען און די פענסטער פון די שוהלבלעך, זיינען געזעסען תימנ'ישע ווייבער... איינע האט ביטער געשלוכצט. איין גאט ווייס צי איבער דעם חורבן, אדער וויל דער מאן האט זי אויסגעביטען אויף אן אינגערע...

צוריקגעהענדיג האבען מיר געזעהן א הויפען תימנים געהענדיג שטיל און האסטיג פערביי דעם אליוועך־וועלדעל.

דאס איז געווען א לויה פון א קליין קינד. איינער האט געטראגען דעם קליינצינקען בר־מנן איינגעוויקעלט אין תכריכים אויף די הענד, די איבעריגע האבען געטראגען ברעטלעך, א גראבאייזען און אנדערע קברנ'ישע כלי מכשירין.

זיי האבען אונז אריבערגעיאגט און זיינען לויפענדיג אוועק אין דער ריכטונג פון דעם בית־עולם. הינטער זיי זיינען נאכגעלאפען זייערע משונה־לאנגע שאטענס...

XLVII.

טרויבענצייט

די נאפט־קעסטלעך אויף די טרעפלעך פון פאדוא׳ס בשמים־קראם זיינען ליידיג און פערלאזען. ניטא ווער עס זאל זיצען אויף זיי און שמועסען פאליטיק, אדער בעריידען דעם ועד המושבה, אדער זיך וויצלען גלאט אזוי אין דער וועלט אריין. אין דער קאלאניע געהט איצט א סדרה מאנדלען. אלע זיינען פערנומען מיט מאנדלען און דער ארעמער פאדוא, וועגענדיג א פונט רייז, קלערט ווען וועט ער אליין זיך דערשלאגען צו עפעס א שטיקעל גאר־טען אדער כרם, און פטור ווערען פון דער קרעמעריי:

נאך די מאנדלען וועלען קומען די טרויבען, און די מיה און די ווארטענים פון א גאנץ יאהר וועט בעצאהלט ווערען מיט גאט׳ס ברכה... וויפיעל נעכט האט מען זיך אויפגעכאפט אין מיטען פון א שטורעם און געציטערט פאר די ווייסע צארטע קוויטען... דערנאך האט מען פאר׳ן האגעל מורא געהאט און פאר א צו שטארקען רעגען. די אנגסטען זיינען געענדיגט, און א גערעטענים איז היינ־טיגס יאהר, רודעלט זיך פרעהליך אין דער מושבה ווי פאר א גרויסען יום־טוב.

אראפגעקליבען די מאנדלען פון די בוימער, האט מען זיי אין גרויסע זעק געבראכט צופיהרען, און אויף די געהעפטען אנגעלעגט.

און איין פריהמארגען זיינען דריי טויזענד ארבעטער, קליינע און גרויסע, בעפאלען ווי די היישעריקען די רוהיגע קאלאניע און האבען זיך צושפרייט איבער די הויפען, און האבען בעלאגערט די טהירען פון די קאלאניסטען. דאס איז מען געקומען זיך פערדינגען צו שיילען די מאנדלען.

די מעהרסטע זיינען געווען קליינע קינדער און פרויען. פערהונגערטע און האלב־נאקעטע זיינען זיי געקומען פון נאהנטע און פון ווייטע דערפער, צו פערדיענען ווער פינף, ווער צעהן מעטעליק א טאג, אחוץ וואס מען וועט פאר איין גאנג זיך אנעסען מיט מאנדלען, א לאקאמסטווע וואס מען זעהט אין דעם אראבישען דארף ניט אן.

אז ערד פופציג אראבער און קליינע אראבערלעך זיצען אויף דער ערד אין חוואדזשא מוסאה'ס הויף, אונ־טער דעם ברייטען אייקאליפט, ארום א בערגעל מאנדלען, און שיילען מיט די שווארצע נעגעלדיגע הענט און מעהר נאך מיט די שארפע ווייסע צייהן. אזוי שנעל ווי איינער האט א פולען נאפט־בלעך, ברענגט ער איהם צו טראגען צום אויפזעהער. ווערט א קריעגעריי וועגען ווערד: דער אויפזעהער טענה'ט אז ער איז ניט גרויס גענוג, און די אראבקע שווערט מיט שבועי־שבועות אז זי האט געפאקט און געפאקט און עס געהט ניט מעהר. געווארען איינינג, שיט די שיילערקע אוים די מאנדלען אין א הויפען נעבען

חויז. מ̄יינט עס פינף מעטעליק. דאס איז שוין אזא מקח, פינף מעטעליק פאר א נאפט־בלעך:

דערווייל האלט עמיצער אן אויג אויף די שיילערס, זיי זאלען ניט עסען מעהר ווי זיי שיילען. אז מען פער־קוקט זיך א רגע, פאקען זיי אין די באקען ווי נאך א תענית. פאר אזא זאך ווי איבערעסען וועט זיך אן אראבער ניט אפשטעלען. איבעריגענס מאכט זיך זעלטען א געלעגענ־הייט צו עסען ביז זאט, ניט נאר מאנדלען, נאר אפילו טרוקענע „פיטע".

איך בעמערק צווישען די פערקויטיגטע מיאוס'ע אראבקעס איינע מיט א ווייסען פנים און בלאנדע האר. די שטריכען איידעל און אריסטאקראטיש און דער גאנצער אויסדרוק גאר ניט פעלאכיש. גאט וויים ווען דאס בלוט פון אן איפראנדזשי האט זיך אין דער אראבישער טהרת המשפחה אריינגע'גנב'עט? אפשר א ריטער אין דער צייט פון די קרייץ־צוגען?...

צווישען די קליינע אראבישע אינגלעך זיצט דער אלטער אבדאללאה, וואס זיינע קינבאקען טרייסלען זיך איהם פון זקנה. ער איז הונדערט און דריי יאהר אלט און געדענקט נאך איבראהים פאשא, ווען ער האט דורכ־מארשירט פאלעסטינא. אן עלטער האט ער זעהר ניט קיין גוטע. זיין זוהן וואס איז זיין מפרנס, שלאגט איהם פון צייט צו צייט.

דער אלטער זיצט נעבען א זאק מאנדלען און רייסט זיך ארום מיט'ן צעהן יעהריגען סאאיד איבער אן אבגע־

שיילטער מאנדעל וואס דער קליינער האט ארויסגע־
גנב'עט פון אונטער זיינע איינגעטריקענטע הענד. ביידע
שרייען און זידלען זיך אזוי ווי זיי וואלטען זיין אין
גלייכע יאהרען.

איך מאך אבדוללאה'ן א פארשלאג ער זאל זיך
לאזען פאטאגראפירען.

— טאיב, חווארדזשאה! — נאר ער וויל „באקשיש",
א ניט וועט פון דעם עסק ניט ווערען.

איך באט אן א מעטעליק, פאראויס בעצאהלט.

ער שאקעלט מיט'ן קאפ. עס איז ווערטה צוויי
מעטעליק. פאר ווייניגער קען ער עס ניט טהאן.

איך צאהל אפ די צוויי מעטעליק און היים איהם זיך
אוועקשטעלען.

די אראבישע קליינוואוג ווארפען זיך אן דער ערד
פאר געלעכטער, ווען איך שטעל אן דעם קאראק, אבער
אבראללאה שטעהט ווי א סאלדאט, די הענד אראפגעלאזט
ביי די זייטען און אחוץ וואס די הונדערט און דריי־יעהריגע
קינבאקען הויבען זיך ארויף און ארונטער, שטעהט ער ווי
א פערגליווערטער.

אונזער שכן דער הינקעדיגער שמיער איז געווען
איינער פון די עשרה ראשונים, ארויפצוקלייבען זיינע
מאנדלען. „זיינע מאנדלען" האט געמיינט ניט מעהר און
ניט ווייניגער ווי איין זאק, פון די פאר בוימער וואס ער
האט ערגעץ וואו אויף זיין כרם געהאט. דעם זאק האט
מען אויסגעשאטען צווישען די צובראכענע וועגען און

אקעראייזענס וואָס ליגען אַנגעוואָלגערט אַרום דער שמי־דאָרניע, און ער מיט דער ווייב,ביידע שטאָלץ און אויפגעראַמט אַזוי ווי אויף אַן ערשטער שמחה, זיינען געזעסען אַ גאַנצען טאָג און האָבען געשיילט די מאַנדלען; זיי האָבען זיך ניט געאיילט און האָבען קענטיג געוואָלט פערציהען דעם נחת וואָס לענגער.

קעגען אָבענד ברענגט ער אונז צוטראָגען אַ ליימענעם טאָפּ פול מיט אָפּגעשיילטע מאַנדלען: —

— נאַט פערזוכט די בעסטע מאַנדלען אין דער קאָלאָניע...

פאַר די קליינוואַרג פון דער קאָלאָניע איז איצט אַן אמת'ער יום־טוב. מיין קליינע טאָכטער האָט בשותפות מיט חוואַדזשאַ מוסאַה'ס מיידעלע אָפּגעשיילט אַ גאַנצען בלעך מאַנדלען, פאַר וועלכען מען האָט זיי תיכף בעצאָהלט אין מזומן — פינף מעטעליק — צו צוויי און אַ האַלב מעטעליק. איז זייער שמחה ניט געווען צו בעשרייבען...

איידער די אָפּגעשיילטע מאַנדלען זיינען נאָך טרוקען געוואָרען, און ווען דער שאַרפער זים־זויערער ריח פון די אַנגעוואָרפענע הויפענס מאַנדעל־שאָלעכצען האָט נאָך געקיצעלט די נאָז — האָט זיך אַנגעהויבען דער וואַנדאַזש.

פון פריה בעגינען שניידט מען אויף די כרמים די שווערע בינטלעך און מען לעגט זיי אַן אין גרויסע טיעפע קוישען, און ביינאַכט קומען קאַראַוואַנעס קעמלען און פיהרען די גרויסע אַנגעלאָדענע קוישען אין די קעלטערען

פון „ראשון לציון", וואו די וויין־פרעסען ארבייטען טאָג ווי נאכט און קענען מיט דער שפע ניט פארטיג ווערען.

ניט אַלע טרויבען ווערען געפיהרט אזש קיין „ראשון לציון". א טייל ווערט צוגענומען אין דעם קליינעם „יקב" וואָס די „אגודת הכורמים" האָט אין רחובות גופא.

טיעף אין דער נאכט הער איך אין דער פינסטערניס פון מיין צימער, דאָס לאַנגזאמע ריטהמישע קלאַפּען פון דעם מאָטאָר און קען דאכט זיך זעהן ווי דאָס רויטע בלוט פון די וויינטרויבען צאַפּט זיך אין די קובלען אריין... פון דער ווייט דערטראָגט זיך מאָט דאָס קלינגען פון די קעמלען אויף דעם וועג צו די וויינפרעסען, און אין די חלומות שפּינט זיך דאָס ליעד פון גערעטעניס...

מיר אויך, ניט צו פערזינדיגען, האָבען אין א ווינקעל פון אונזער פּרדס שעהנע עטליכע בייטען מיט וויינשטאָקען. אויף די וויינשטאָקען האָבען מיר געדופעט פון דעם ערשטען טאָג וואָס מיר האָבען אריינגעצויגען אין אונזער דירה. וועלען מיר, הייסט עס, מיט טרויבען זיין פערזאָרגט און ניט דארפען אָנקומען קויפען, וואָס דאָס איז אין דער קאָלאָניע ניט קיין גרינגע זאך. די אייגענטימער פון די כרמים ווילען בשום אופן ניט פערקויפען קיין טרויבען אין דער מושבה. מען קען זיי ניט פערדענקען. געווען איינער וואָס האָט זיך געקוואָפּעט אויף אַזעלכע קונדען, וועט ער שוין פערזאָגען א צעהנטען. די טרויבען האָט מען איהם צוכאָפּט פון די הענד, ניט בעוויזען פאַרטיג ווערען איז שוין געווען א קונה. אבער אַזוי ווי

געגומען האבען אלע אויף בארג — אין דער קאלאניע קויפען אלע אויף בארג — און געהן מאגען פאר א קערבעל טרויבען איז עפעס געוועז ניט געוויסענהאפט, — איז דער קאלאניסט שיער ניט פעראומגליקט געווארען.

ווי געזאגט, האבען מיר אויך געהאט א שטיקעל כרם. אבער א דאנק בעני׳ן און די שאקאלען האבען מיר פון די טרויבען אפילו צו פערזוכען ניט געקראגען.

בעני איז א בחור פון א יאהר אכצעהן מיט א פער־שמירטען פנים, וואס געהט אפגעריסען און אפגעשליסען, אין גרויסע אפענע שיך, פון וועלכע עס שטעקען ארויס אומגעלומפערטע פינגער. ווי אפט זיין משפחה זאל איהם ניט בעקליידען אין נייע מלבושים, האט ער אויף מארגען ווידער ניט א גאנצען פאדעם אויפ׳ן לייב: ער חבר׳ט זיך געוועהנליך מיט די קליינע קינדער פון דער קאלאניע, און האלט זיך אויף זעהר פיעל אין אונזער הויף ארום דער קוזניע. ער העלפט דעם הינקעדיגען צוהאלטען דעם וואגען ווען מען דארף א ראד ארויפלעגען, געהט פאר זיין ווייב אין שליחות, און איז ביי איהם א גאנצער בן־בית. בעני איז שטענדיג הונגעריג און האט משונה ליעב מאנדלען און „מישמיש“, ווען זיי זיינען נאך הארט ווי שטיין. זויערע וויינטרויבען זיינען ביי איהם דער בעסטער מאכל, און אין אונזער פרדס האט ער הפנים געפונען די זויערסטע פון גאנץ רחובות.

די פארטיגע טרויבען עסען אויף ביינאכט די שאקא־לען: זיי גנב׳ענען זיך צו סאמע אונטער׳ן פענסטער, און קלייבען אויס די רויטסטע און די זאפטיגסטע. וואלטען

זיי כאַטש מאַכען זייער „עקספּראָפּריאַציע" שטילערהייד. האָבען זיי אָבער אַזאַ מיאוס'ע טבע, אַז ווען זיי לאָזען זיך וואַוילגעהן אויף פרעמדען האָב און גוטס, לאָזען זיי אַרויס אַזעלכע ביטערע יללות, אַזוי ווי זיי קומט נאָך אויס־צאָהלען...

ליעד פון די כרמים

בעל־הבית:

רייכע עדעלשטיינער
איינס פון צווייטען ריינער,
מיט'ן טהוי בעגינען,
וועלען מיר געפינען.
שניידען וועט דער מעסער,
דריקען וועט דער פּרעסער,
וועלען מיט רובינען
פולע פעסער רינען..
פעסער מיט רובינען
טונען מיט בורשטינען
וועט מען אין דער ווייטען
אונז אויף גאָלד פערבייטען...

בחורים:

ווען אין בעכער זיינען
איינגעשענקט די וויינען,

פרייד פאַר גאָט און מענשען —
וועט אונז יעדער בענשען...

וויינען זים און טונקעל —
שוואַרצער אויגענפונקעל
צווישען לאַנגע ברעמען,
וועו זיך מיידלעך שעהמען...

לויפען אום קאַרעלען
אויף דעם וויין דעם העלען —
מיידעלשער געלעכטער
לויפענדיג פון וועכטער...

מ י י ד ל ע ך:

צונגען אָפּגעבונדען
אויגען אָנגעצונדען —
וועט פאַר די געטראַנקען,
יעדער אונז בעדאַנקען...

וויינען ווילד און גלוטיג —
יונגען פייער־בלוטיג...
קושען לויטער פלאַמען,
ווייסען ניט קיין צאַהמען...
וויינען שאַרף און בייסיג —
יונגען פלינק און פלייסיג...

בײסען אויפ'ן נאַקען,
זויגען אוים די באַקען...

אַ ל ע:
זינגען מיר בײם קלײבען,
וועט דאָס ליעד פערבלײבען
אינ'ם טרויב, צוזאַמען
מיט די זיסע טעם'ען...

וועט מען אונזער זינגען
מיט'ן װײן פערשלינגען,
וועט עס פון די קעהלען
צו די ליפּען קוועלען...

זינגען וועלען מענער,
שטראַהלען אין די טענער...
שמאַכטען וועלען פרויען,
אין די אויגען טהויען...